בס"ד

כ' שמות תשעח לפ"ק

לרבינו הרב ר' אברהם טווערסקי שליט"א וכל המשפחה
שיחי'

ווען אלע וואסערן, וואלטן געווען טינט
וואלט מיט א פשוטע פעדער, שווער געווען צו שילדערן אונזער
"הכרת הטוב" צו אייך א צונג!

מיר קוקן צו די צדקה וחסד, מיט שטוינונג און וואונדער
מיט וואספארא איבערגעגעבנקייט "איר אלע פארנעמט" פאר
טייערע אידישע קינדער

אז מען עפנט אויף די אויגן קען מען קלאר זעהן
מיט וואספארא "סייעתא דשמיא" און זכות אבות דאס הויז
איז מיוסד געווען

חז"ל זאגן "מגלגלין זכות על ידי זכאי"
צו די געבענטשטע מיט "ברכת כהנים" צו וואונטשן אייך טאקע כפשוטו
"יברכך השם" - אייך גרעסטע פארמעגן.
"וישמרך" - פון אלע צרות"
"יאר ה' פניו אליך ויחנך - ישלם השם פעלך"
"ישא ה'" - "איר נעמט פאר אייך - פאר וואס זען"?
"פניו אליך וישם לך - קבלת עין יפה נפעלה"
"שלום" ותהי משכורתך שלמה ודי!.

הקב"ה זאל אייך טאקע שענקען דערפאר
געזונט, נחת, פרנסה, שמחת "אזא אין לשער"
סייעתא דשמיא, אריכת ימים, וכל טוב לעולם
און שטענדיג צו זיין פאר אונזערע ווייטער געבן און געבן!!
מרס. [redacted]

Y01.001

בס״ד   ערב פורים תשע״ט לפ״ק

לכ׳ איש החסד והמעש ר׳ אברהם לייפער שליט״א,

אויס פון התפעלות בין איך אוודאי געווען

געוואלדיג גרויס איז זייער אייער זכות
ריזיגע סכומים איר האט אזוי באוויזן פארטיילן
ווואונדן פון אלמנות און יתומים איר האט דערמיט פארהיילן
יא, ס׳איז קלאר - מגלגלין זכות ע״י זכאי
סיסטעמאטיש, איבערגעגעבן, אזוי הארציג און געטריי
ןויסט געפראוועט ווען ווי איר גיט אונז מחי׳!

דער אייבערשטער זאל וואס כוחן מענטש איר האט געטאן
אייך וועט ער צוהעלפן און באשיצן טאג ווי ביינאכט
נאר ער קען באצאלן אייער ריכטיג פארדינטע שכר
קענט ווייטער אנגיין מיט געזונט, אריכות ימים ושנים
און כל טוב עד אין לשער.
שמחת פורים און שמחות תמיד זאלט זיין
און די אמת׳ע שמחה בביאת משיח צדקנו בקרוב
תזכו למצוות און יישר כח

[redacted]

בס"ד

מוצאי יום כפור תשפ"א לפ"ק

לכבוד הרב לויפער שליט"א

מיר נעמען די געלעגנהייט אויסצודריקן א הארציגע

הכרת הטוב געפיל פאר די געטריע שטיצע פון אייער

קרן אלמנות ויתומים.

ווען עס קומט א שווערע נסיון (ליידער פאר אסאך

אלמנות אין תש"פ) איז עס א געמוטיגנדע חיזוק אז

איהר זענט עוסק אין די וויכטיגע חסד.

און בפרט פאר מיר, וואס מיר האלטן נישט זוכה געווען

צו קינדער, מיינט עס גאר אסאך, ספעציעל דאס

פארשאפן די ד' מינים.

השי"ת זאל אייך דאנקען מיט כל משאלות לבבכם, די זכותים

וועלן זיכער מגין זיין בזה ובבא.

א גוט קוויטל גט"ס

[redacted]

בס"ד

לכבוד הרב ר' אברהם ליפער נ"י

מיר קענען נישט גענוג ארויסברענגען
אויף פאפיר די געפילן פון דאנק און התרגשות
וואס האט אונז באנומען ביים ערהאלטן די
ערבעה מינים... געפאקט מיט אזא שלימות, אלעס
און געברענגט ביז צום טיר... די מלאכים
אין הימל קוקן זיך צו, און זיינען אייך מקנא איר גייט צו צום
יום כפורים מיט אזויפיל זכותים - אינאיינעם
מיט אלע וואס העלפן צו... נישט אומזיסט
איז משיח נאך נישט דא, השי"ת האט אזוי
נחת רוח פון זיין פאלק... טאקע יעצט, דאן
אין גלות - כביכול, ער וויל נאך זיך
פארתענוגן מיט אונזערע מעשים טובים,
און זאל ער שוין אונז העלפן - שוין טאקע!
נאר די אלע זכותים אליין זיינען גענוג אז ער
זאל שוין קומען.
בכתיבה וחתימה טובה
יישר כח נאכאמאל, זאלט איר
געבענטשט ווערן מיט כל טוב, והצלחה
ש מקבל.

בס"ד

א פריילעכן כשרן פסח!!

לכבוד הרב לויפער שליט"א עמו"ש

די בריוו איז נישט צו זאגן "יישר כח"
פארן רב, ווייל עס איז נישטא קיין "שיעור"
צו די "יישר כח" וואס איך וואלט געדארפט שרייבן.
איך וויל אויסדריקן דא מיין "הכרת הטוב"
צו הרב לויפער שליט"א פאר די "געוואלדיגע
חסד" וואס דער רב שליט"א טהוט פאר מיר
און מיין משפחה שיחיו עמו"ש.
בס"ד און זכות פון דעם רב שליט"א קען איך
מיטן באשעפערס הילף קויפן פאר מיינע קינדער און
אייניקלעך שיחיו "שבת און יום טוב" "בהרחבה גדולה"
און קיין שום זארג אדער טראכטן "וויאזוי
וועל איך צאלן פאר דעם אורדער פון פויגלען פלייש,"
אויך וויאזוי די מצוה ווערט געטהון איז "געוואלדיג".
איך דארף נישט פילן אלה מאל - ווען איך מאך אן
אורדער אז "אוי איך גיי יעצט פילן ווי אן ארימאן
אדער א שנארער".
עס איז א געוואלדיגע זכי' אז דער רב שליט"א
טהוט די "געוואלדיגע מצוות" אויף אזא שיינעם
"בכבודיגע" "אופן".
הקב"ה זאל פאר הרב לויפער שליט"א געבן ווייטער
כח און געזונט און אריכת ימים ושנים אנגיין
מיט די מצוות "שאדם אוכל פרותיהם
בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא.
בס"ד איך דאווען פארן רב'ס און רעבעצינ'ס שיחיו
געזונט, לאנגע גוטע יארן, אידישע נחת פון
אלה קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך שיחיו
עד ביאת גואל צדק און ווייטער,

אל דאנקבר
מרת [redacted]

נ.ב. פאר פסח אי"ה וועל איך זיין ביי מיינע קינדער שיחיו עמו"ש
"יישר כח" "[illegible] טוב"

בס"ד

לכבוד הנהלת קרן אלמנות ויתומים!

מיט א הארץ פיהל מיט רגש - שרייב
איך אייך די פאר ווערטער
ווען סאיז שווער אויבן הארץ מיט
א שווערע געמיהט - קומט פון אייך
די טרייסט ווערטער וואס קומט פון
א גאר דערהבענע קרן. איהר דער-
פרייט פארוויסטעטע אלמנות וואס
האלטן אין איין צארען - אלעס פאלט
אונז שווער!!

דער באשעפער וואס איז אן יודע
מחשבות און א מצמיח ישועות - האט
אייך געשיקט צו אונז - איהר זאלט אייביג
פארלייכטערן די מצב פון אן אלמנה ל"ע
זאל אייך דער הייליגער באשעפער שטענדיג
שיצן פון אלעם שלעכטן - איהר זאלט קענען
אנגיין מיט אייער געלויבטע ארבעט און
ברענגען מנוחת הנפש און א שמחת יום טוב
פאר אלע וואס נויטיגן זיך! ווי עס ווינטשט
אייך מרת [redacted]

בס״ד

לכבוד הרב לויפער, עמו״ש

מי כעמך ישראל - אייער וואוילטעטיגע חסדים איז
געוואלדיג גרויס - אייער זכות און שכר איז אומבאשרייבליך.

טאג טעגליך און גאנץ יאר ברענגט איר אריין
הרחבת הדעת אין שטוב.

די הערליכע אתרוג לכבוד יום טוב סוכות. די
שיינע מהודר'דיגע ארבעה מינים וואס איר שענקט מיטן
גאנצן הארץ פארשאפט אן אמת'דיגע שמחת יום טוב.

און דעם זכות זאל דער אייבערשטער אייך בענטשן
מיט פיל ברכות, געזונט, און נחת. כלל ישראל זאל
שוין זוכה זיין בקרוב אנטקעגן משיח צדקינו צו גיין
במהרה בימינו אמן.

מכת. [redacted]

בס״ד

לכ׳ הרב החשוב רודף צדקה וחסד
ר׳ אברהם בן הר׳ לויפער! עמוש

איך פיהל מיך פארא פליכט אויס
דריקן מיין דאנקבארקייט פאר אייך פאר
די אלע גוטע זאכן וואס איהר טוט מיט
מיר און מיין משפחה וואס עססן אין העלפן
הנאה פון מיין קינדער וואס איך קען ווייטער
זעהן אין אײער צלה.!
איך בין שוין 7 וואכן אין מיאמי
לצורך רפואה און צו אלע וויי אין צער״ם
איך מוז אלעס ביז צאלעני און גלײך
צו אוואצאי צאהל׳ איך קויפן אלעס אלײן
אבער ״מי כעמך ישראל״ וויל איך אויסדריקן
מיין דאנקבארקייט וואס איהר שטעלט צו
פאר מיר און מיין משפחה יעדן שבת און
יום טוב בדרך כבוד שיין און ברײט
צו זעה איך וויל גאנץ איהר דאנקן

בס"ד

האבען בא'ר צו זוען
ס'איז מיר נאר געבליבן צו ווינטשען
אייך און אייער משפחה
ישלם ה' פעלך
איהר זאלט זיין געזונט או געזונט
גליקער מיט נחת מנוחת הנפש
והרחבת הדעת
איהר זאלט דערלעבן א געזונטע עלטער
ווי איהר ווילט הנאה האבען צו זעהן ווען
אייער צדקות וועלן ווייטער פירן און אייער
ווערק ווי איהר האט געטון פאר אייער
עלטערן
הצלחה רבה בכל ענינים ווינטש
מרת [redacted] אשת ר' [redacted] ע"ה

יוסף 3

איך האב אויך געוואלט ש ר״ן
איך ווייס נישט אויב ס׳מ״ג ג״ן
עפעס,
איך האב געהערט אַ פאר יאהר צוריק
פון טאהשע רבי׳ס טאכטער אז צ׳
רבי׳ צ׳ע בלומע ז״ זאגן אז ב״ די מצבה
קומען פוילען אזוי ווי אין ליזענסק
פון דאן אהין שט״ איך ידענ ניט
ב״ די מצבה אין אויך בעטן פאר די
אללע וואס דארפן מיר ווי למשל
ר׳ ח״ב אלי׳ ברכה, ר׳ אברהם בן הענ׳
אין אשכנזי פון משמחי לב אין אללע
וואס דארפן זאלן האבן געזונט, פרנסה
אין נחת
זאל מיר אנגענומען ווערן ב״ם
בה שעפער, אלס ווינטש אייך אללעס
גוטס מרוני [redacted]

בס״ד

כ״ג טבת תשע״ט

לכבוד הרב ר׳ אברהם לויפער שליט״א

נאכ׳ ווי איך בין נאר וואס (א פאר וואכן) אריין אין
דעם קרן וואס באס העלפט מיר אויס גאר עפסאק־איז אין
אנפאנג (פאר מיר) געווען א ביסל אום אנגענעם אין
טשיקעי׳ טויקי בי אונגאס בודאפעסט. ווען איך קום אין דויק
געגאנגען איינקויפן און איך האב געזעהן געסט וואס עסן
נאכ טוילעי׳ וואס דאס איז שווערער ווי טשיקען פאר
איך געפרעגט מר׳ סאנענער אז אויך איך קויף שוין
מערצ ה׳ חדר פינצ עס סצוי ווי איך נעמ ADVANTAGE
האט ער מיר געענטפערט אבסאלוט נישט אז דער
קען ווייל מען צאלט נאמען וואס מען דארף צו פאר
קינדער אין גרויסן ״שר פח״ און אלע פעלט מיסטן
אלץ צו ~~געשטאט~~ געשעפטן אינגער ביט שטר און
ספרים פייש מסובין פאר טער ווערט און
אנגי נערם. אנדערע קינדער ווילטן צוליב ניט
געקומען אף דאס ״אויפשרייבן״ ווער עס ציילט
צוזאגן קרן

השי״ת זאל אייך העלפן מיט אלעס גוטס־גוטן

מיט הכרת הטוב

מרים [redacted]

נ.ב. זאגט קאפיטלס תהלים לרפואה שלימה
פאר [redacted] ווען איך אווס
פון זיי צוויי צוויט - לרפואה שלימה

לכבוד משפחת ליפער ״עמו״ש

עס איז
נישט דא גענוג טינט און
ווערטער ענק צו באדאנקען פאר
אלע צדקות עס איז נישט גענוג
וואס מיר באדאנקען מיר האבן
נישט גענוג ווערטער וואס פאר א
שמחה איהר ליגט אופמן און אומנות
העכצער השיות צאל ענק באצאלן
אלעס מיר ווינטשן אייך א סך
הצלחה ווייטער און לאנגע געזינטע
ואהרן ביז משיחס טאג א גוט
געבענטשט וואהר א זיס וואהר
אסך נחת נישטא נאך אזא
ORGANAZION ווי אייערס
צעהט דאס השיות
ציכער באצאלן אלעס און וועט אייך

כל טוב
א גוט געבענטשט ואהר
מיט אלעס גוטן ווינטשט
משפחת [redacted]

ב"ה

כג תשרי תשפ"א

לכ' הרב לויפער שליט"א

קודם וויל איך נאכאמאל באדאנקען פאר די הערליכע ד' מינים די פארגאנגענע יו"ט סוכות העי"ל, ווי אויך אלע אלע פעולות פון אייער קרן.

צווייטענס, איז מיר דיגעפאלן א געדאנק וואס קען זיין בייהילפיג פאר די אלמנות - צו מאכן א שטיקל לוח פון יאר מיט די פעולות וואס די מענער פון שטוב טוען אלעמאל.

למשל...

ר"ה	סימנים
יו"כ	"ז ליכט - פאר די לעבעדיגע און פאר די נשמות
סוכות	ד מינים
הו"ר	הושענות
חנוכה	נרות
פורים	מחצית השקל, מגילה, מתנות לאביונים
פסח	מכירת חמץ, בדיקת חמץ, שריפת חמץ, כל חמירא

וכו'. מן הסתם האב איך אויסגעלאזט נאך פארשידענס....

השי"ת זאל אייך און אייער משפחה בענטשן מיט ברכות עד בלי די
תזכו למצוות!

[redacted]

Y01.011

בס״ד

ערב יוה״כ תש״ס

צום ערשטן וויל איך אויסדריקן א דאנק און הכרת הטוב פאר די הילף וואס מיר באקומען אלע צייט שטענדיג אייבן פון אייך. סע ווערט מאל א וואונדערליך. און די גרויסע ענינים״ וואס איז מאל געשעהן. און נאר דער באשעפער אליין קען און וועט אייך אלע צוריק צאהלן פאר דעם.

צום נייעם יאהר ווינטשן מיר אייך א גוט געבענטשט און גליקליך יאהר און פאר אייער גאנצע משפחה און כלל ישראל, געזונט פרנסה, נחת דקדושה מכל המינים וימלא ה׳ כל משאלות לבבכם לטובה. א גמר חתימה טובה מיט די גאולה שלימה בקרוב ממש.

[redacted]

Y01.012

בס״ד

לכבוד הרב לויבער נ״י

מײנע װערטער זענען צו ארעם צו קענען
אײך באדאנקען פאר אײער ברײט הארציגע
אונטערנעמונג צו העלפן אלמנות.
נאר די רבונו של עולם קען אײך
באצאלן פאר אײער אויסערגעווענליכע
חסדים וואס איר טוט. איר זאלט האבן
ברכה, והצלחה און פיל סײעתא דשמיא.

די הרחבות הדעת וואס איר ברענגט
אריין און שטוב לכבוד שבת און יום טוב
איז אומשאצבאר. בפרט לכבוד פסח וואס
איר טײלט די אלע פרישע cases פון עסן
און grape juice און וויין, און דעם יאר האט
איר נאך צוגעלײגט געשמאקע מצות אויך.

זאלן די אלע מצוות אײך בײשטײן. פון די
הײליגע סידור וואס איר האט געשיקט במתנה
האב איך גרויס הנאה. [redacted]
[redacted]. מיר זאלן שוין זוכה
זײן צו יום שכולו טוב בב״א. א דאנק - מרת. [redacted]

בס"ד

"וישב"

שליט"א

לכבוד הצדיקים פון קרן אלמנות ויתומים

השי"ת זאל אייך באצאלן מיט שפע

ברכה והצלחה און כל טוב וטובה!

איר זאלט שטענדיג דערפרייט ווערן

מיט אפענע חסדים טובים פון

השי"ת'ס הענט אלעמאל. איר דערפרייט אונז

מיט אלעס גוטן אזוי הערליכע פארנעם –

לכבוד יום טוב – פארצעס אין נאכצעס

מיר צגעווען און חתם האר אויך פאר ענק.

[redacted]

בס"ד

לכ' הרב ר' אברהם לויפער, סמיטש

שוין א לאנגע צייט וואס איך וויל
אייך אויס ברענגען מיין דאנקבארקייט
איבער די פלייש און פיש וואס איך באקום
פון אייך יעדער וואך מיט כבוד און
הארץ

אזוי קען איך בלייבן ביי מיר
אינדערהיים און נעמען אריין קינדער
און אייניקלעך און נישט ליידן אליין!
וואו! איז אייערע עלטערן און געבן
וואס האבן איבער געלאזט אזיהן וואס
טוט זייער גוטע ווייטער. איך קען
אייך נאר ווינטשן א געזינטע עלטער
נחת פון אייער משפחה

אילן אילן
במה אברכך . . .
אלא הפירות היוצאים ממך
יהי' כמותך . .

מיט דאנקבארקייט
מירת [redacted]

Y01.015

לכבוד הרב לויפער נ״י
א גרויסן ישר כח פאר
צושטעלן די הערליכע ד׳ מינים
און אויך פאר אלע אנדערע
צוגעהערן.
דער אויבערשטער זאל געבן
פאר אייך און אייער
משפחה געזונטער,
לאנגער און פרייליכע
יארן צו קענען אנגיין
מיט די הייליגע ארבעט.
אויך וויל זיך
מחזק זיין לע״שן
מיין מאן [redacted]
דן [redacted] ע״ה.

א פרייליכן יום טובן!

מחן [redacted]

Compliments of Girls' Town / Or Chadash

Y01.016

בס"ד

לכבוד הרב לייבער עמו"ש

ב"ה אונז דורך אייער געוואלדיגע
הילף, האב איך הרחבת הדעת
צו קענען אריינברענגען דעם
הייליגן שבת און יום טוב
מיט אן רואיקייט.
איך אייער הערליכע אתרוג
און לולב האט באשיינט די
הייליגע יום טוב.
מיינע קינדער ב"ה קימען און
באלטן מיט אלע סעודות ומשוס
פארשאפט פאר מיר נחת און
אין עלנדקייט. = תזכו למצוות =
דער אייבישטער זאל אייך בענטשן
מיט כל טוב. איר זאלט געזינטערהייט
קענען אנגיין מיט אייערע הייליגע עבודה.
מרת. [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער עמו"ש

מיט א פאר ווערטער וויל איך אייך
באדאנקען פאר אייער אויסערגעווענליכע
צדקה וחסד וואס איר העלפט אורחים
א גאנץ יאר און בפרט לכבוד די הייליגע
יום טוב פסח. איר ברענגט אריין א
שמחת יום טוב אין צובראכענע הערצער.
אייער זכות איז זייער גרויס. דער
אייבישטער זאל אייך העלפן זיי גיט געזונט
און פיל נחת און קענען ווייטער טאן
אייער דערהויבענע ארבעט, עד ביאת גואל
צדק במהרה בימינו אמן.

א יישר כח

מרת. [redacted]

ב״ה

לכבוד די חשובע הרב לויפער, עמו״ש

אייער וואוילטעטיגע ארבעט איז אומשאצבאר!
איר זענט א שליח פון די רבונו של עולם
צו קענען מיט הרחבת הדת איין ברענגען
שבת, יום טוב, און אין וואכן אין שטיב.
אייער מהודר'דיגע אתרוג און לולב האבן צו
געגעבן צום שמחת יום טוב.
אין דעם געוואלדיגן זכות זאל דער אייבישטער
אייך צוריק צאלן בכפל כפלים מיט פיל ברכות,
געזונט און נחת, און מיר זאלן שוין זוכה זיין בקרוב
אנטקעגן משיח צדקינו צו גיין בבא.

מרת. [redacted]
א דאנק !

בס״ד

פיל ווערטער, קענען נישט באשרייבן מכוח
דאך אונזער הערצער זענען אנגעפולט
מיט דאנק מער ווי נערמאל,
אייער חסדים וואס איר טוט גייען ווייטער
ווי א מייל..
באדאנקן קען נאר דער מלך ק-ל.

א גרויסן יישר כח,
משפ׳ [redacted]

בס״ד

לכבוד הרב לעבער & STAFF

גרויסן יישר כח תקבטו למבוות

אין אלץ דרכות.

אויך מעגליך צו האבן DELIVERY

איז עס זייער גרויסע הילף גיה

ווען אי-דר קענט ניט גיט.

דיטע רבנן הלכן קומען צו ציבער עולם

איז מען אויך גינפערהיים

א באונך אינפבלויס

אין כשרן און פריילאכן

פסח.

[redacted]

Y01.021

בס"ד

תזכה למצוות - השי"ת זאל
אייך בענטשן מיט כל מיני השפעות
טובות והרחבת הדעת וסייעתא
דשמיא מיט שמחה בכל ענינים
סיי ברוחניות ובגשמיות!

[redacted]

בס״ד

מיר ווינטשן אײך פון טיפן
הארצן א גמר חתימה טובה!
א גוט געבענטשט ליכטיג יאר,
מיט אלעס וואס מ׳ווינטשט זיך
זאל השי״ת באשערן, מיט שמחה
רבה. בנ׳ ח״ ומזוני, ברו״חני וגשמי׳
מיט פיל הצלחה ״ עס ווינטשט:
משפחת [redacted]

מעג לכ׳ הרב לויפזר שליט״א,
א גרויסן יישר כח,
השי״ת זאל אייך
באלוינען בכפל כפליים
אז מיר זאלן שוין
זוכה זיין צו נחמת ציון
וירושלים.

מרת [redacted]

השי״ת זאל העלפן איהר
זאלט זוכה זיין מיט די גאנצע
משפחה געזונט נחת
השפעות טובות ברוחניות
און בגשמיות מיט פולע
טאשן

[redacted] מיסיס

Gmail **Rabbi Abraham Laufer <7825349@gmail.com>**

(no subject)

1 message

[redacted]@gmail.com> Sun, Sep 19, 2021 at 3:03 AM
To: 7825349@gmail.com

לכבוד משפחת הצדיקים וחשובים הרב ר' אברהם לויפער שיחי

אפילו ווען אלע וואסערען וואלטן געווען טינט ,
וואלט פאר אינז
נישט מעגליך געווען אצינד
אויסצודריקען אונזער הכרת הטוב
צו אייך.. פאר אייער הייליגע עבודת הקודש
מיט אזא געטריישאפט, איבערגעגעבקייט, הצנע לכת און בעל הבעטשקייט!!!
נאר הקב"ה ווייסט וויפיל הארץ כח און מח און געלט עס גייט אריין און אייער געוואלדיגע אינטערנעמונגען!!!
פאר אונז בלייבט נאר צו וואונטשען און בענטשען אייך אלע מיט א לעכטיגע געזינט פריילעך יאר אלע אלע ברכות פון די הייליגע תורה זאל
נשפע ווערן אויף אייך וכל המשפחה כבודה מיט גרויס הצלחה סייעתא דשמיא והרחבת הדעת...
אויסגעפוילט אלעס גיטס
א גיט קוויטעל
אין א פרייליכען יום טוב ותמיד
מאת [redacted]
St apt 1 Brooklyn NY 11249

בס"ד

לכבוד די חשוב'ע
משפחת לייבער זמו"ש

מיינע ווערטער זענען צו שוואך
זיך צו באדאנקען פאר אייער
געוואלדיגע שווערע עבודת הקודש
וואס איר פירט אן און אויך אזאן
אויסערגעווענליכן די ברייטער פארנעם
פון קרן אלמנות ויתומים - ווי איר
זענט מחזיק איבער 1000 משפחות
אייער שכר איז אוממשעצבאר.
הקב"ה זאל אייך בענטשן, איר זאלט
זיין געזונט און שטארק און קענען אנגיין
מיט אייער ברייט פארצווייגטע עבודה
נאר דער אויבערשטער קען אייך באצאלן
און ער זאל אייך טאקע באצאלן כפל
כפליים און איר זאלט זוכה זיין צו
געזינט נחת דקדושה השפעות טובות
וסייעתא דשמיא זאל אייך באגלייט
טריט און שריט. ווינטש פון טיפן הארץ

[redacted] מרת.

בס"ד

לכבוד הרב ר' אברהם לויפר נ"י

א גרויסע יישר כח פאר די הערליכע
ד' מנים סעט דאס האט פאסירט אינל
סן עונג ווים אנך.
ד' באשעפער צאל העלפן צאל מקוים ווערן
בי' אייך אם ה' אתה משמח את שלי אני משמח
את שלך [redacted] אשתו ר'
ע"ה

בס"ד

לכבוד הרב לויבער עמו"ש

מי כעמך ישראל - אידישע קינדער
טוען אזוי פיל חסד איינער מיטן אנדערן.
דער גרויסע זכות זאל אייך ביישטיין.
איר זאלט קענען ווייטער טוען אייער
עבודת הקודש מיט פיל סייעתא דשמיא
און הצלחה.
די הרחבת הדעת וואס איר שענקט
טאג טעגליך פאר אלמנות ויתומים
לכבוד שבת און יום טוב איז
אומשאצבאר.
די הערליכע מהודר'דיגע ארבעה מינים
וואס מען האט געברענגט און שטוב
ארײן, האט מיך זייער דערפרייט מיין
הארץ.
דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח.
געזונט און הצלחה ביז מיר וועלן
שוין זוכה זיין בקרוב אנטקעגן
משיח צדקינו צו גיין ברשו.
מרת. [redacted]

Y01.029

בס״ד לכבוד לויפער משפחה

כתיבה וחתימה טובה

א גוט געבענטשט יאהר

פולן רפואות, ישועה

מיט אלעם גוטן

א דאנק פאר אלעס וואס

איר טוט פאר אונז געזונט [illegible]

[redacted] משפחה

Y01.030

בעזהשי"ת

יום ד' לסדר וענית ואמרת
שאינך כפי' טובה
תשפ"ו לפ"ק

לכבוד מעלת כבוד הרב המפורסם עושה צדקה בכל עת
הרב מו"ה ר' אברהם לויפער שליט"א אב"ד באבוב וע"א.

בעזהשי"ת וויל איך מיט אפאר קורצע ווערטער אויסדריקן מיין שטארקע הכרת הטוב למע"כ שליט"א (ווייל אפילו מיט לענגערע ווערטער וועל איך נישט גענוג זיין...)

וואס כבוד מע"כ האט זיך דערוויסט אזוי אגב' דיג פון מיין שווערע איבערגייענישן אין גאר געענגטע מצב איז אונז רעדן צו סעקרעטארן... אדער אפוינטמענטס... אדער טעלעפאנען... אדער קים דערמאנסט... מארגן, נעכטן. אנדער מאל... וכו' וכו' נאר גלייך זענט איר אקעגן געקומען א שליח מן השמים צו העלפן אויף גאר אן אויסנאמליכער פארעם... וואס האט ממש באמת אויפגעלאנכטן דעם גאנצן שטוב מידי יום ביומו ומדי שבת בשבתו וכו' בבחינת ויאמר אברהם גלייך ויאמר "הנני". השי"ת זאל אייך ענטפערן בבחינת ויאמר אברהם ויאמר "הנני" צו ענטפערן אייערע בקשות ותפילות אייך אלע צוזאמען זרען ומשפחות לאורך ימים ושנים געזונטער הייט. זאל אייך גאר גרינג אנקומען וכתיבה וחתימה טובה לאלתר כלל ישראל

הכו"ח [redacted]

בס"ד

עש"ק בשלח תשפ"ב

לכבוד הרב מ׳דארעץ שליט"א

עס איז שוין איבער דרײ יאר וואס איך ריש מיך צו שרייבן די פאר ווערטער - אבער ווען איך האב נאר געוואלט נעמען די פעדער אין האנט בין איך געווארן פארפלייצט מיט טרערן. אבער - יעצט פרשת בשלח - זמן פון הכרת הטוב - האב איך געבעטן דעם רבונש"ע - גיב מיר אביסעל שטארקייט צו קענען טון וואס ס׳איז מיין פליכט יעצט...

איך מוז מודה זיין - די פארגאנגענע דרײ יאר וואלט זיך קיינמאל נישט געקענט אפי׳ פירן אויב נישט די ווארעמע שטיצע פון אייער זייט - די שבתים מיט ימים טובים -- די פיש און פלייש בריוות פאר די קינדער מיט זייערע משפחות קע"ה וואס קומען מדי שבת בשבתו גיט ווייטער און מ׳שטארקט זיך זייער ס׳זאל קענען געפירט ווערן (אודאי נאר כמו) מיט אלע הידורים - מיט שמחה און שלות הנפש. ס׳איז זייער שווער פון מיין זייט אבער איר האט א גרויסע פראצענט דערין - ווייל אן אייער הילף וואלט איך זיכער נישט געקענט אפי׳ אנגיין...

אויך וויפיל ס׳איז אין מיין באזיל - וויל איך אנווינטשן אפי׳ ווי ס׳שטייט די וואך "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" אלע השפעות טובות פאר אייך מיט די גאנצע משפחה און פאר אלע שטיצערס - ס׳זאל אייך לייכט אנקומען ביז מיר וועלן זוכה זיין צו תביאמו ותטעמו בהר נחלתך...

מיר אלע בעטן צו האבן די זכי׳
אלי-הו הנביא זאל שוין ברענגען די ידיעה
פונעם לאנג ערווארטעטע ישועה!!

"א פרייליכן שבת" פון טיפסטן הארץ
ווינטשט: מרת [redacted]

בס"ד

לכבוד משפחת לויפע ע"מוש

טינט און פאפיר איז נישטא

גענוג אראפשרייבן דאס

דאנק באוויזט וואס איר טוט

כסדר פאר אזויפיל משפחות

נאר דער הייליגער באשעפער

קען ענק באצאלן וואס

איהר דערפרייט אזויפיל אידישע הערצער

תזכו למצוות

ווינטש. מרת [redacted]

ניר איסק נחת פון די

קינדער און אייניקלעך

בס"ד

יום ה' לסדר: לא תוכל להתעלם... הקם תקים עמו... ולך תהיה צדקה לפני ד' אלוקיך... ליתום ולאלמנה יהיה
למען יברכך ד' אלוקיך בכל מעשה ידיך... (כי תצא)

לכבוד ש"ב כ"ק הגה"צ אבד"ק דראג שליט"א

נאכדעם וואס פאר פסח האב איך געהאט די זכי' צו ספנסערען א אלמנה, וואס פאר מיר איז די סכום געווען זייער אסאך... אבער נאכדעם וואס מיין ב"ב האט געווארט א קינד און עס איז נישט מעגליך געווען פאר איר ארויסצוגיין קויפן עפעס א שיינע זאך אויף יו"ט האבן מיר באשלאסן אז דאס יאר וועט די מתנה לכבוד יו"ט זיין צו געבן צדקה פארן רב'ס צדקה קאסע וואס דאס איז בלי שום ספק **"די גרעסטע און חשוב'סטע צוועק אויפן כדור הארץ"** און יעצט שיק איך אייך די חמש מאות ממשך צו זיין אלץ שותף מיט אייער הימל'ישע ארבייט

אייער קאסע איז אזוי חשוב און הימל, אז מען דארף האבן די זכי' צו קענען דא געבן און זיין א חלק דערפון, פון אייער גן עדן רעד איך שוין נישט....**איר זענט כסדר די געשפרעך אויבן ביים הייליגן בארדשובער רב זיעועכי"י...**

חזק ואמץ מיט די עבודת הקודש

מיט הצלחה און סייעתא דשמיא

בס"ד

למעלת כבוד ידידנו האי גברא רבא ויקירא עושה חסד במסירות לאלפים ממש באופן יוצא מן הכלל הרה"ג ר' אברהם שליט"א אב"ד גארטג,
ומשפחתו שיחיו בן הרב ר' שלום זצ"ל.
העסקן המיוחד

צום נייעם יאהר ווינטשען מיר אייך א כתיבה וחתימה טובה צו הצלחה בכל אשר תפנו געזונטערהייט מיט פיהל נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט הרחבת הדעת און אושר ועושר.

מתוך הוקרה והכרת הטוב על סיוע הקבוע להחזק מהפ"ש אנו שהוא עזר וסעד גדול

ווינטשען הארציג

[redacted]

נ"ב הי' לי לעונג לראות המכתב מהרב החשוב ר' יהושע פיהרער שליט"א גראמער.

עס איז אוממעגלעך צו באשרײַבן...
די שמחת יום טוב וואס איר האט אונדז געטאן דערהײַבן...
אל המאכלים אתרוג און לולב איז אנגעקומען...
און קיין 3 אגורות דאס מיזן מיר צושטומען...
בשעת זאל איך מיט כל טוב באשטעלן...
פאר אלעס וואס איר טוט, מען קען עס נישט אויסמאלן!!!

Y01.036

בס״ד

איך וויל דא אויסדריקן מײנע הכרת הטוב
און דאנקבארקײט פאר דער הילף פון דער
קרן אלמנות ויתומים. דער זכות זאל אײך
בײשטײן און איר זאלט ווײטער זוכה זײן צו
זײן א נחת רוח פאר די אײבערשטער.

מאת מרת [redacted]

You are appreciated.

Y01.037

בס"ד   עש"ק פ' אמור תשפ"ב לפ"ק י"ג אייר

לכבוד די קלעמענס קאקאנטס הרב החשוב ר' אברהם טויבער
וכל המשפחה כבודה (און אייער גאנצע חבריא קדושה) שליט"א

מיט א שבח והודאה להקב"ה על כל החסד
אשר עשה עמנו

געשריבענע ווערטער קענען גאר ווייניג
די גרעסטע מתנה וואלט געווען צו קליין
אין נאר "הכרת הטוב" פאר "אייך" - צו מאכן פארשטיין

אזא געוואלדיגע שמחת יו"ט פסח תשפ"ב וואס איז
געווען אין אונזער משפ' ב"ה ב"ה
עס זענען ב"ה אריינגעקומען קינדער און אייניקלעך פון א"י
שיכון סקווער, און LAKewood און אוודאי פון ווסב"ג

פשוטע ווערטער קענען ניט ארויסברענגען די געוואלדיגע
הרחבה, די געוואלדיגע A הארץ, די געוואלדיגע איבערגעבענהייט
און מוסטערהאפטיגע באנשיינהייט, פון אייער מוסיף החסד וצדקה
און ווי אלעס איז גאר "מושלם'דיג" געווארן, און די שמחה קאסטן געצאלט געווארן
נאר דער "אייבערשטער אליין" ווייסט דאס אלעס, און נאר
הקב"ה בכבודו ובעצמו קען אייך צוריקצאלן
פון טיפסטן הארצן וואונטש משפחת [redacted]

פאר אייך אלע, געזונט נחת, שפע שמחות, הרחבת הדעת
איר זאלט די כח' הלבן וויי'טער טאן צדקה וחסד
בטוב לב און הקב"ה זאל אייער משפחה פיין פון
זיין אוצרות הטוב וכל טוב וטוב [redacted] לנצחון! אמן ואמן כן יהי רצון
משפחת
פקס: 7825349@gmail.com

בס״ד

אין די יעצטיגע שעה
לכבוד די תמונה פון מײן טאכטער
איז פאסיג צו נעמען די צײט
אויסצודריקן מײן הכרת
הטוב און דאנק
עס איז נישטא קײן ווערטער
צו מסביר זײן די געוואלדיגע
כוחות וואס איהר לײגט
אריין, די הילף וואס איהר
געט אויף אזא דרך כבוד
אין יעדע זמן. אײביג שטײן
צום בעסטן האנד ארויסצוהעלפן
מיט אזא פשטות ווען נאר
מען פארלאנג...
די זכות זאל אײך בײשטײן
און באגלײטן

ב"ה

לכבוד הרב לובער שליט"א

מיט א פאר ווערטער - "היוצא מן הלב"
וויל איך אייך באדאנקען פאר אייער
אויסערגעווענטליכע צדקה וחסד וואס איר
טוט מהנה זיין אלמנות א יעדן טאג
פון די יאר.
בפרט ווען סקומט צו די הייליגע
יום טוב פסח, וואס איר האט אונזינען
אלע איינצעלהייטן וואס ס'פאדערט זיך
צו קענען אריינברענגען שמחה אין
הרחות הדעת אין א אידיש שטיב.
דער אייבישטער זאל אייך באצאלן
כפל כפלים מיט געזונט אין נחת
אין ערליכע הייליגע דורות אין די
[redacted] זאל מען
בקרוב הערן בשורות טובות.
מיר זאלן אלע זוכה זיין בקרוב
אנטקעגן משיח צדקינו צו גיין בב"א.

מרת. [redacted]

בס״ד

לכבוד משפחת לויפער,

תנו כבוד - פאר אזעלכע פערזענליכקייטן
זכותים אן א שיעור טוען אייך באגלייטן
כסדר - ווי אימער
וואס איר טוט פאר אידישע קינדער

לייב און לעבן
מחיה זיין און געבן
צדקתם עומדת לעד
ווי געהויבן איז יעדע טאט
ווואונטשן קען מען נישט גענוג
תמיד באגאסן ווערן מיט ברכות - ס'ווערט
קיינמאל נישט איבריג.
הצלחה ווייטער -
וואונטשט -
א דאנקבארע מאמע וואס
זעט ווי איר קינד
אויף צעק מחיה



בס״ד

איך האלט די פען אין די האנט שוין
אפשר 10m און קען נישט טרעפן די פאסיגע
ווערטער אונצופאנגען און אוודאי נישט
אויסצולאזן מיינע שבחים צו אייך חשובער
הרב ר׳ אברהם בן חנניא און אלע עסקנים
וואס העלפן צו דער קרן זאל ארויןברענגען
אזוי, פיל שמחה און הרגשה אין די הייזער
ווי דער רבש״ע האט אויפגענומען די פלוגש
צו זיין אונזער טאטען וואס זארגט פאר אונז,
איר זענט זיינע שלוחים — השי״ת זאל אייך
בענטשן מיט לאנגע גליקליכע יארן געזונטען
נחת. אזוי ווי איר ברענגט אריין שמחה אין
אונזערע הייזער זאל ביי אייך זיין שטענדיג
שמחה תורה וגדולה במקום אחד!!

ענסטער א דאנק פאר אלע וואס שטיצן
דעם קרן — איך האב זיי אלע אריין
די מיינע תפלות.

מרת [redacted]

מיט פיל דאנק און שעצונג וואס
מיין פען קען דאס נישט ארויסברענגען!!

Y01.042

בעזהשי״ת

לכבוד הרב ר' אברהם לויפער שליט״א

ס'איז שווער צו טרעפן די ריכטיגע ווערטער, צו קענען אויפן שפיץ גאפל, ארויסברענגען די טיפע דאנקבארע געפילן וואס מיר האבן צו אייך... און דאס איז טאקע די סיבה פו״ו איך האב ביז יעצט נישט געשריבן... ווייל יעדעס מאל וואס איך הייב אן בלייב איך שטיין... ווייל וויאזוי הייבט מען אן... ???

אבער דאך קען מען נישט בלייבן שטיל, פאר אזעלכע געטרייע שלוחים פונעם איין איינציגע באשעפער, וואס טוען אריינברענגען אזא ליכטיגקייט אין אידישע שטובער. דאס, אז טראץ אלץ שוועריגקייט האט איר ארויפגענומען אזא עול, אז ב״ה מען האט די רואיגקייט צו קענען געבן פאר די קינדער געהעריג צו עסן... און איבערהויפט ווען עס איז צוגעשטעלט אזוי בדרך כבוד, אויף די העכסטע מדריגה פון צדקה וחסד...!!

איך קען גארנישט פארגעסן אייער ערשטע הצלה, נאכדעם וואס מען האט געפילט ווי די וועלט גייט אונטער... האט איר מיט אזא ווארעמקייט און הארציגקייט גענומען דאס פעקל, און דאס גייט אן אויך אזא וואונדערליכע אופן בס״ד!

ס'בלייבט נאר איבער איין זאך, צו בעטן און וואונטשן... אז השי״ת, וואס פון אים איז

בס"ד

גארנישט פארהוילן, ער זעט אייער וואונדערליכע מעשים...
זאל אייך באצאלן כפל כפליים מיט אלע גוטע ברכות און
השפעות וואס מ'קען זיך נאר אליינס וואונטשן.. איר זאלט זוכה
זיין צו אריכת ימים ושנים מיט געזונט און נחת פון אייער
גאנצע הויזגעזונד ביז משיח'ס טאג...!
השי"ת זאל העלפן עס זאל שוין נישט צוקומען קיין נעמען
צו די ליסטע... נאר מיר זאלן שוין בקרוב ממש זוכה
זיין צו תחיאת המתים במהרה בימינו אמן!!

וואונטשט פון טיפן הארצן
און מיט אסאך הכרת הטוב
מרת [redacted]

ב"ה

לכבוד הרב לויבער ע"מוש

מיט א פאר ווערטער וויל איך באדאנקען אין אורויס ווייזן מיין הכרת הטוב פאר אייער אויסערגעוויינליכע הילף און שטיצע פאר אלמנות א יעדן טאג פון יאר.

בפרט ווען ס'קומט צו די הייליגע יום טוב סוכות - ארבעה מינים - או פאר הדר קומט און שטיב אריין ברענגט עס מיט בהרחבות הדעת צו קענען דינען דער אייבערשטער מיט שמחה.

דער גרויסע זכות זאל ביישטיין פאר אייך און אייער גאנצע משפחה לעולם ועד.

און זכות פון צדקה וחסד זאלן מיר אלע זוכה זיין אנטקעגן משיח צדקינו צו גיין במהרה בימינו אמן.

מיט שעצונג

מרת. [redacted]

Y01.044

ב"ה

לכבוד הרב לופעך, שליט"א

עס איז נישטא די שפראך אויף צו דאנקען פאר

באלויכטן אונזער שטוב מיט ~~[illegible]~~ שמחת יום טוב. וואס א גרויסע

חסד און עס איז אייך די פרוי, האט איר באלייכטערט און פארגרינגערט

פיל פיל. די אלע הכנות וואס אידן הענטשן אויף פון איבעראל

אויך ארויסגעווארפן מיינע אינצווישן - כאטש מקוים ווערן. און ווייטער

האבן די געזונט און כח אנצוגיין מיט אייער עבודת הקודש.

און א ווארעמע וואונטש אז השי"ת זאל אייך באשערן אייביג און אלעמאל

פון אלעם גוטן מיט געזונט און נחת אויף טריט און שריט!.

א געזונטע ווינטער

מרת [redacted] ומשפחות

בס״ד

לכבוד הרב ליפער, שליט״א

איך וויל פון אויסדריקן מיינע דאנקבארקייט פאר
אייער אלע געהילף וואס איר געבן מיר שטארקע
געפילן. דער אייבערשטער וועט אייך גיכער צוריק
צאלען דערפאר. איר מיט אייער גאנצע משפחה
און יעדע ווער טוט אויך העלפן אין דעם צוועק
זאל געבענטשט ווערן מיט א שנה טובה ומתוקה,
א יאהר מיט הצלחה, געזונט, פרנסה, נחת, א
יאהר אין וואס איר זאלט ווייטער זוכה זיין צו׳
זיין א נחת רוח פאר דער אייבערשטער,
א יאהר מיט מנוחת הנפש און מיר זאלן זוכה
זיין צו׳ גאול בביאת המשיח במהרה בימינו אמן.

וואונטש

מאת [redacted]

Y01.046

בס"ד

10/30/22

לכבוד הרב ליפר נ"י

איך וויל אייך באדאנקען פאר די
שיינע און הערליכע ארבעה מינים
פאר סוכות, וואס איר האט געשיקט
אונז האבן געהאט א גרויע הנאה,
זאל די באשעפער אייך באצאלן מיט געזונט
פאר אייך אין די גאנצע משפחה, נחת פון
אלע קינדער און שמחות מיט פרייליכע הערצער

בכבוד רב — מרת [redacted]

Y01.047

Mrs. [redacted]

א גמר חתימה טובה!

ישר כח פאר אלעס

איר זאלט זוכה זיין צו

אריכות ימים ושנים טובות

אין דער זכות דזק זאלט

אונז שוין אויסלייזן במהרה.

מרס. [redacted]

Compliments of Girls' Town Or Chadash

בס״ד

יום י״ב כסלו תשפ״ג לפ״ק

אומ״ע אייזי כל כלי חמדה, רב פעלים לתורה ולתעודה, אחד הוא אברהם במדת חסדו וטובו, חסד״א הוא וחסדא״י מילייהו. תוכו רצוף אהבת ישראל, מוסר נפשו לצדקה וחסד כמדת דורות הראשונים בהשקט ובחשאי לכל דורש ומבקש אשר מבני ישראל המה, במדת וחידת הקודש המסורה לנו מרבותינו נ״ע מדור דור, וכתר שם טוב העולה על גביהן. ה״ה

הרה״ג ר׳ אברהם ליפער שליט״א
אב״ד דק״ק דאורבונ הע׳

ברא כרעא דאבוה. הגאון צדיק הגוי עניו. שלוחא דקמאי. מפורסם בפעולותיו הכבירות חובקות זרועות תבל. ה״ה ותיק וחסיד הרה״ג ר׳ שלו׳ צב״י.

הנני בשורותי אלה להביע מעומק לבי רב תודתי על הטוב והחסד שעשיתם עמדי בטובת עין וטובת לב, ובאלו הימים שהיוקר מאמיר ואין פרנסתי מצוייה כל כך, באתם לקראתי לעזר ולהושיע לשמחני בשמחת יו״ט שבעז״ה, שנפסק בשו״ע סי׳ תקכ״ט מג״א סק״ג וכ״ה בשו״ע הרב שם ס״ז שבשמחת יו״ט מצוה לאכול בשר. והנה לב יקח מצוות, שבודאי נדיבתכם כאשר באמונה אתכם הרביתם טובתכם עלי ושילמתם כל חוב המופרז שהייתי חייב בחנות הבשר מוסיף על הפרט לשמחני בשמחת יו״ט, והי׳ מעשה הצדקה שלם שזכיתי לחוג את חג הסוכות בשמחה ובטוב לבב ברוך ה׳ בהיות ליתן איש איש די לפי אופן בריוות, בלי נשך חוק האופן שינגי״ד את לבבי. במה אוכל ואוקים רב חסדכם, אשריכם, אשרי רבותיכם ואשרי יולדתיכם שהגדילו את ידידיהם גידולי קודש לחסד ולצדקה, וצדקתם עומדת לעד, ואומר יישר כחכם וחילכם לאורייתא. תשואות חן חן לכם.

יהא רעווא שתהא משכורתכם שלימה מה׳ אלקי ישראל, קרנכם תרום בכבוד, בכל אשר תפנו תשכילו ותצליחו, ותזכו להמשיך את פעולותיכם הקדושות מחיל אל חיל ביתר שאת בנקל בבריות גופא ונהורא מעליא כאוות נפשכם הטהורה, ותזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ״ח לטובה ולברכה, לא ייבוש המעין ולא ייקוץ האילן באושר ועושר באורך ימים ושנות חיים בשמחה ובטוב לבב מרוב כל לנצח

כנפש ידידכם הדוש״ת כערכם הרם

[redacted]

כלאווימ׳ הרב״צ ר׳ [redacted], צב״ה אב״ד [redacted]

Y01.049

שמחת פורים!

תשפ"ג

①

בפורים עלינו חגים וזמנים לששון ולשמחה
אפתחה פי בהלל. הודאה ובשבחה.
אבער,
וויפל מ'וועט נאר שרייבן.
וועט מען נאך אלס שולדיג בלייבן.
צו אויסדריקן דעם דאנק.
מיט אמתן טיפן אפקלאנג.
פארבי א יאר נאך א יאר.
צעטיג ביז גאר.
פיש. אין פלייש איז נישט קיין עול.
במנוחת הנפש בכבוד ובנקל.
ימים טובים מיט כל טוב.
ברענגט אינז שמחה בטוב לבב

←

(2) בס״ד



מיט פיל דאנק און לויב צום גרויסן באשעפער
פארן שענקען אונז דאס גוטס דורך הר״ר, אברהם לאופר
ס׳איז דאך איבער אונזער השגה צו פארשטיין
וויפל שוועריג פלאג, גאנץ אונזער דאס טוט שטיין.
בלייבט אונז נאר צו ווינטשן, בעטן פון באשעפער א ברכה
שטענדיג זאלט איר זעהן בכל מעשי ידיך פיל פיל הצלחה
די גרויס זכות זאל. און וועט אייך זיכער ביישטיין
און זאל דאס שוין מרעיש עולמות זיין.
אינגיכן די גרויסע ישועה צו הערן.
פון גלות אויסגעלייזט צו ווערן
א פריילעכן לעכטיגן פורים!!
און א כשר׳ן פריילעכן פסח
און געבענטשט, א דאנק

[redacted]

[redacted]

1

בס״ד

איך בין א מאמע פון 4 קינדער בע״ה

אונזער הויז איז אויבן געווען א שיינע פראווינצעלע שטאט
ביז איך קען צוזאמען א שטאט פון תורה עבודה וגמ״חסדים
אונזער הויז איז אפן געווען פאר אלע נצרכים ארעמע לייט
הונגעריגע אדער צובראכענע מענטשן

ליידער האט זיך די גולה געטוישט מיין מאן איז
פלוצלינג נישט געזונט געווארן ער איז אריינגעפירט געווארן
אין הספיטאל דער מצב איז געווארן זייער ערנסט ליידער,
האט ער זיך געמוטשעט מיט גרויסע יסורים אין הספיטאל
לאנגע חדשים מיר האבן אויסגעגאסן תפילות. בגלל, חגים און
חדשים ושבתות ווי נאר מיר האבן געקענט און ליידער האבן מיר מיט
~~[illegible]~~ מיט גרויס ווייטאג געמוזט אננעמען די ביטערע גזירה.
און ער איז נפטר געווארן במעמד כל חסידים
און מיינע קינדער. אונז געבליבן געווען זיכער אז ער
ווערט נאך אהיימקומען אבער פון הימל האט מען אנדערש
געוואלט...

זייער שוועך און ביטער איז אונזער פעקל געווארן.
אלס אלמנה איז מיר טונקל געווארן די וועלט
פון ווי וועל איך לעבן? ווי אזוי וועל איך מאכן גוט
און וואס ווערט זיין מיט מיינע טייערע קינדערלעך יתומים
דער טעלעפאן האט זיך פלוצלינג צוקלינגען א רב עסקן
הייליגער בשמו הטוב רופט מיך אן און פרעגט זיך
באקאנטשאפט צוזאגן איך דארף גיין אין ביטערער שטאט און זאגן
דעם טעלעפאן סאם און אלעס איז מסודר אויך וועל קיין מאל
נישט פארגעסן עס האט מיר אנגעמאכט א געוויין און האב ממש
נישט געקענט קומען צו מיר איך שעם זיך וואס איז געשען
מיט אונז אויך וועל ווערן פארזיכערט א [illegible] און האב געהערט
שלאפלאזע נעכט אוי רבש״ע דער באשעפער זיך פאר ער און מיין משפחה
און וועל דאס זיכער נישט קענען אויסהאלטן אזוי ווי אויסגעשטעלט
בין איך געווארן אין [illegible] אין בית [illegible] מיר געפרעגט
וואס איז אויער [illegible] און נישט מער[illegible] האט מיר א וואגן

און נעמט וואָס איר דאַרפֿט מיר קענען אויך אַלעס
אַדרעסירן און האָב נישט געקענט גלייבן אויך האָב געטראַכט
און מיין האַרץ דאַנקט ~~[illegible]~~ אַ דאַנק מיר באַקומען [illegible] ערב פסח.
אויך דיין ב"ה נישט מיינע געוואָרן נאָרמאַל און קיין שמחות
וואָס איך דאַרף, מיין טרעפֿן כבוד איינגעקויפֿט אויף פסח
געוואָרן דאַנקען, נאָרמאַל

דאַנקע ווי איך זאָל אייך טויזנט מאָל פֿאַר פֿאַר די קענען שרייבן
וואָס פֿאַר אַ טייערע פֿילן די פֿאַרמעגנס
אויך ווייס איך דיין לייבער נישט

די איינציקע ... אַלמנה ... וואָס האָט נאָך געוואָלט דערשפּעטער פֿון דער טייערן
עסן אויך האָב נישט געוואוסט קיין דאַנק וואָרט
נאָר תפילה

אויך דער ברוך ה' עולם זאָל זאָגן שוין
כל ישראל אויסגעלייזט ווערן אין גאולה פֿון אַזעלכע טייערע
אידן, ווי די האָסט צו נישט מיט זיי צו זשעמען
אַ פֿריילעכן גאַנג
אַ גרויסן דאַנק פֿאַר אַלעס.

מיט אַ דאַנקבאַרע אַלמנה
תשעה למשפחת

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

איך האב נישט גענוג ווערטער מיט וואס אייך
צו באדאנקען פאר די אמיגע, געטריע. איבער געגעבנקייט
און חסד איר טוט מיר יעצט פאר פסח,
און אגאנצע יאר. איר זענט מחי' מיין שטיק
מיט אייער ברייט הארציגקייט, די פסח ארדער
וואס איר האט געשיקט און צוגעלייגט נאך געלט,
די פלייש און פיש פין יעצט און אגאנצע יאר,
איך האב גרויס הכרת הטוב פאר אייך און
אלע עסקנים, איר טוט באמת פארגרינגערן מיין לעבעסט.
השי"ת זאל אייך בענטשן מיט געזינט,
פרנסה, נחת, הצלחה, סייעתא דשמיא. זאל אייך קיינמאל
גארנישט פעלן, נאר ברכות זאל אייך אייביג באגלייטן.
א כשר'ן און לעסטיגן יום טוב!
יושר כח, יישר כח!

מר[redacted]
[redacted]

Y02.002

בס"ד

לכבוד הרב ר׳אברהם ליפטער שליט"א

עס איז נישטא גענוג ווערטער אייך צו דאנקען..

עס איז אומבאשרייבליך ...

מי כעמך ישראל...

אומגלייבליך וואס איר טוט ....

אויסצוצאלן אזויפיל פאר אלמנות...

איר דערפרייט די הערצער..

איר נעמט אוועק די אלע שווערע באצאלונגען

איר גיט אריין שמחה אין די שטיבער...

אז מען קען איינקויפן אזוי בעל דויש...

זאל אייך השי"ת צוריק באצאלן מיט

אלעס גוטס, געזונט, אין נחת, שמחות

הרחבת הדעת, אריכות ימים ושנים טובים

אנטקעגן גיין משיח בקרוב

ווינטשט מרת [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א והרבנית שליט"א
איך וויל מיט דעם בריוו שיחיו עמו"ש פרובירן צו דאנקען
אייך פאר דעם גרויסן חסד וואס איר טוהט
מיט מיר און מיין טייערע משפחה שיחיו.

די מצוה איז מוראדיג גרויס, אז איך קען
איינקויפען פון א פליישיג פאר שבת און ימים טובים
און נישט זארגען פון ווי איך וועל עס צאלן.

מיינע קינדער שיחיו זענען דא געווען ביי מיר די
ימים טובים און בס"ד געקענט הנאה האבן פון
די מאכלים וואס הקב"ה האט מיר געגעבן כח
צו קאכן, און טאקע די רב א רעבעצן שיחיו
האבן מיר געגעבן די געלעגנהייט דאס צו טוהן.
יעדן טאג ביי תפילות האב איך אינזינען די רב
און די רעבעצן שיחיו עמו"ש. ~~אז~~ איר זאלט קענען
טוהן חסדים מיט לאנגע גוטע געזונטע יארן,
געניסן אסאך אידישע נחת פון קינדער, אייניקלעך
און אור אייניקלעך עד סוף כל הדורות, זעהן דורות
ישרים מבורכים.
א געזונטע פרייליכע ווינטער וכל טוב!!
איך קען נישט גענוג דאנקען, זאג איך תזכו למצוות
טובות. מבת [redacted]

בס״ד

לכבוד הרב לופער, שליט״א

אין די שירות וויל איך אויסדריקן מיין טיפער געפילן פון הכרת הטוב פאר אייך, פאר ארויס העלפן כסדר. קודם, שבת אין יום טוב די פיש אין פלייש דאס ברענגט א געוואלדיגער רואיגקייט ביי מיר אין שטוב אז איך פיל נישט געדריקט. אין כסדר העלפט איר בדרך כבוד אין אלע זמנים.

יעצט ווען איך האב ב״ה חתונה געמאכט מיין זוין האט איר אזוי ברייט הארציג מיר ארויס געהאלפן מיט א שיינע סכום! מיין געפילן פון דאנקבארקייט איז אין לשער! אייער צדקות צו זעין אומבאשרייבליך!

הקב״ה זאל אייך שענקן פיל ברכות, מיט געזונט, הצלחה אין כל טוב סלה!!

א כתיבה וחתימה טובה!

א גרויסן יישר כח!

מרת [redacted]
SZ

Y02.005

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

א גמר חתימה טובה,

ס'נישטא קיין ווערטער צו ערקלערן די
געוואלדיגע שמחת שבת וואס א גאנץ
יאר! דורך אייער הארציגע בכבודיגע
שטיצע פאר פיש און פלייש!
השי"ת זאל אייך און אייער שטוב
בענטשן מיט א זיס און לעבטיג יאר,
מיט נחת דקדושה, געזונט און
הרחבת הדעת, און מיר זאלן זוכה
זיין צו א שנת גאולה וישועה!

וואונטשט:
משפ' [redacted]

Y02.006

בס״ד

לכבוד הרב לויפער נ״י

איך וויל אויסדריקן מיין געפיל אין אן
גרויסן דאנק פאר אייער הילף. איך קען
אייך נישט פורגעשטעלן וואס פאר א הילף איז
די פלייש, פיסנטער פאר מיר ספעציעל פאר
יומים טובים ווען די גאנצע משפחה קומט.
דער איינציגער וואס קען אייך דאנקען
איז נאר דער באשעפער אליין
זאל אייך געבן אלעס וואס איר ווינטשט אייך, דער אייבערשטער
און געבן כח איר צשות ווייטער קענען
געזונטערהייט טון די ערנסטע מצוה און האבן
נחת פון אייער קינדער.

א שיינעם שיינעם דאנק
און א גוט יום טוב
מרס. [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב ר' אברהם לויפער שליט"א

עס איז נישטא גענוג אותיות צו שרייבן
וואס איר האט איז איבערגעשריבן......
מיר האבן ברוקלין ב"ה.. השי"ת זאל
אייך צוריקבאצאלן מיט כל-טוב.
איר זאלט האבן א גוט געזונט
יאהר, מיט אייער גאנצע משפחה
לאורך ימים ושנים טובים,
השי"ת זאל אייך בענטשן מיט אלע
גוטע ברכות.....

מיט דאנקבארקייט

א כתיבה וחתימה טובה

מרת [redacted]

[redacted]

בס״ד יום ג׳ לסדר בשלח תשע״ח לפ״ק

לכבוד ברבני החסיד הרב לויפער שליט״א והרבנית תליט״א

ווען איך האב באקומען די גליון, האט עס מיר
געברענגט זכרונות פון אסאך יארן צוריק (איבער 40 יאר)
ווען מיר האבן געוואוינט אויף דיווישן אווע. און מארסי סט.
ווען אייערע הייליגע פאטער ז״ל האט געטאן די הייליגע
עבודת-הקודש פון העלפן אידן מיט פיש, הרב שלום לויפער ז״ל
אייער פאטער ז״ל איז געווען אין דער קלאס מיט
די שווארצלער פון פיש ס״ אין צימער און ס״י טאן
ווייפער (נאך איך געדענק גוט) און געטאן די
מצוה מיט ברען און התלהבות און גוטסקייט,
אויך אייערע חשובע מאמע ז״ל גרייטן טעם אידן
אלה מאכל צו עסן,

דעריבער שרייב איך דעם בריף מיט טרערן
פון הכרת הטוב און לויב צו הקב״ה אז ״מי
כעמך כישראל״. און צו זעהן און פילן
אז די געטרייעשאפט און גוטסקייט פליסט
ווייטער און אייך.

די חסד וואס הרב לויפער שליט״א טהוט מיט
די אלמנות און יתומים און מיט מיר פערזענליך
ס׳איז אין לשער.

אז איך קען קויפן פיש + פלייש לכבוד שבת
[illegible]
און יום טוב, טאן ווען מיינע קינדער שיחיו ממש
קומען, איז ממש א מצוה וואס ווערט שוין
און די נעקסטע שיחיו ממש מליין לעולמי
עד פאר אייך און פאר אלה אייערע דורות [illegible]

בס"ד

הקב"ה זאל אייך ווייטער העלפן צו קענען טהון
חסד מיט אידן אזוי ווי אין אזא שיינער כבודיגער אופן
עד ביאת גואל צדק בב"א!

הקב"ה זאל געבן פאר הרב לייפער שליט"א און
די רעבעצין שליט"א לאנגע געזונטע יארן, הייליגע
אידישע נחת פון קינדער, אייניקלעך, און אור אייניקלעך...
עד סוף כל הדורות. און קענען אנפירן מיט
אנדערע גרויסע תפקידים מיט שטארקע כוחות
פון גוף און נפש וכל טוב.

מיט גרויס שעצונג
מרת [redacted]

בס״ד

איך וויל באמת שטארק באדאנקען פארן מיר געבן
די באליגקייט יעדן טאג פון די ואר עס איז א
ספעציעלע ~~[illegible]~~ באליגקייט יעדן טאג ווען איך דארף קויפן פיש
אדער פלייש אז איך קען קויפן אין נישט טראכטן
ווי אזוי עס וועט מען באצאלן
יישר כח

בעסער פאר פסח ווען ד
expenses זענען אזוי
גרויס באדאנק איך פארן זיין אזוי ברייט
מיט געבן די פרוטס וויין
grape juice וויפיל מזל
אזוי באח ווערדיג

אגרויסן יישר כח
[redacted]

בס"ד

יום י"ד לחודש אלול ה' לסדר ושמחת בכל הטוב שנת גאלה לפ"ק

לכבוד הרה"ג בק' במרומי העירה ירושלים . גן הדסים , עזה ומעגה חסד
לאלפים אבד"ק דאסין שליט"א

מייסד ויו"ר קרן אמונות ונחומים

בפרוס ימי הרחמים והרצון באתי לאחל לרב שנה טובה ומבורכת
שנת גאולה וישועה , ובספרן של צדיקים להכתב ולחתם טובים .
ובזה בתודה להבשר ודגים וכל מטעמים לכבוד שבתות
בהרחבה גדולה ומלאה , וידוע מה שכתב הרמב"ם ז"ל שאין
שמחה גדולה כזאת , מי שמשמח אלמנות ויתומים .

ועוד לכבות המהדרים מינים לקיום מצות ולקחת לכם
בהידור ויפה ומעוטרת ,

בשמחת הנשגבת תה'

[redacted]

בס״ד

לכבוד קרן אלמנות ויתומים, שיחי׳

עס איז באמת נישט דא קיין ווערטער אויסצודריקן
מיין געפילן פון דאנקבארקייט פאר אלעס וואס איר
טוט פאר מיר און מיין משפחה א גאנץ יאר, און
בפרט יעצט לכבוד די יו״ט פסח. מ׳קען פשוט
נישט מסביר זיין די רוהיגקייט און הרחבת הדעת
וואס עס ברענגט אריין אין אונזער שטוב! איר
האט א געוואלדיגע, געוואלדיגע זכות!
הקב״ה זאל אייך באשערן כל טוב וטוב....
געזונט, פרנסה, הרחבת הדעת און נחת לרוב....

בברכת חג כשר ושמח,

[redacted]

נ.ב. אזוי ווי איך בין אליין וואלט איך געוואלט פרעגן
אויב מ׳קען ערלעדיגן דעליווערי. אויב מעגליך ביטע
רופט מיך דערוועגן [redacted] [redacted]

יישר כח

בס״ד יום א פרשת נח

לכבוד הרב לויפער עמו״ש

הודו לה׳ אז מיר האבן שוין נאך די החגים טעג. איך האף אז איהר וועט לייענען מיינע פאר שורות. פאר אן פרומע מענטש פאלט עס שווער - אבער מיט אייער גאר חשובע הילף נעמט איהר ארויף דעם גרויסן עול פון דעם חלק פון הוצאות יום טוב. בלייבט מיר נאר אייך צו ווינטשן א גרויסע הצלחה און ברכה אויף וויטער - עס זאל אייך אלעמאל אנקומען גרינג און נאר דער גרויסער באשעפער אלס אייך צוגעבן מחשוב פאר אייער ארגאניזאציע וואס איהר האט נישט קיין באגריף און צאל. זאל דער באשעפער אייך בענטשן מיט כל טוב נחת לרוב פון אייער משפחה און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאר גרויסע ישועה פון בביאת גואל צדק בקרוב ממש אמן.

א געזונטן ווינטער

א גרויסע ישר כח פאר די לולב און אתרוג - די אתרוג איז פונקט וואס מיין מאן ע״ה וואלט געקויפט א מאל. כל טוב. [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב ליפשיץ שליט"א

מיט די שורות וויל איך אויסדריקן מיין שטארקע געפילן פון הכרת הטוב פאר די גרוואלדיגע חסד, איר טוט צו מיר און מיין קינדערליך הסדר, באמת בדרך כבוד. יעדע וואך קען איך מיט א רואיגקייט צוגרייטן און (איינקויפן) פיש און פלייש לכבוד שבת (איר טוט עס אין אזא אופן ווישאיך פיל מיר באקוועם כאילו איך קויף). ב"ה מיין שטוב איז זיך באמת מחי'.

א באזונדערע יישר כח פאר די ברייט הארציגע "מתנות", איך האב זיך באמת שטארק געפרייט! און די זכות וואס איר ברענגט אהין שמחה אין מיין שטוב זאל השי"ת אייך בענטשן מיט פון ברכות, געזונט, הצלחה, סייעתא דשמיא, אריכות ימים ושנים טובים און כל טוב סלה!

יישר כח!

[redacted]

Y02.014

בס״ד

לכבוד הרב ר' אברהם לויפער שליט״א

עס איז נישטא קיין ווערטער,,, וויפיל מען קען
אויך דאנקן וועט נישט זיין גענוג,,,.
די גרויסע חסד וואס איר טוט איז
אומבאשרייבליך,,, פשוט... פלייש.. א.א.א. וופסח!
השי״ת קוק צו אין זעהט אלעס וואס איר טוט!
השי״ת זאל אייך צוריקבאצאלן מיט
כל-טוב והצלחה בכל ענינים, געזונט,
נחת אין הרחבת הדעת, אריכת ימים,
און אלעס וואס איר ווינטשט זיך, מיט
אייער גאנצע משפ.
א גוט געבענטשט יאהר, און א
כתיבה וחתימה טובה..
ווינטשט אייך
[redacted]
וכל המשפחה

Y02.015

בס״ד

יום כ״ז לחודש אלול שנת תשע״ט לפ״ק

לכבוד הרה״ג [illegible] [illegible] שליט״א
יו״ר מפעל קרן אלמנות ויתומים

בפרוס ימי הרחמים והרצון, באתי לאחל לכם, שנה טובה ומבורכת,
שנת גאולה וישועה, תהא שנת ״פדות״, ובספרן של צדיקים, להכתב לחיים.

ובזה בתודה רבה להבשר והדגים וכל מטעמים לכבוד שבת
קודש זה, בהרחבה גדולה, ומלאה כל טוב.

וידוע מהרמב״ם ז״ל שאין שמחה גדולה - מי שמשמח אלמנות ויתומים
שזכה מעשן בעולם הזה ופירותיהן בעולם הבא.

ועם ערכות הארבע מינים מהודרין לקיים מצות נטילת לולב.

[illegible] בברכת לשנה טובה ומתוקה ותחתמו לאלתר לחיים

[illegible]

משפחת [redacted]
הרבנית

Y02.016

Oct. 23, 2019

Thank you so much
for the beautiful
ESROG - LULAV set that
was sent - as a surprise -
just before SUCCAHS.
HASHEM should BENTSH
you and the family for
such מצוות.

And for AROVOS & HADASSIM.

בס"ד

ר' לעויבר - שליט"א

איך וויל מיך הערצליך בעדאנקען
פאר דעם הערליכן אתרוג און לולב
וואס אייער משפחה- ארגעניזאציע
האט ארויסגעשיקט פאר אלמנות. עס איז
געווען א הערליכע מתנה. איך וואוין מיט
מיין עלטערע שוויגער-מוטער- יעצט 96 יאהר
אלט- לאורך ימים ושנים- זי האט עס אויך
באנוצט. די קינדער האבן נישט געדארפט
לויפן מיט זייערע אתרוג-לולב. זי איז
אויך אן אלמנה.

א הערצליכע דאנק נאך א מָאל
מען זאל זוכה זיין צו די גרויסע גאולה
במהרה בימינו. אמן

[redacted]

בס״ד תשע״ח

לכבוד הרב ר׳ אברהם לויפער שליט״א

עס איז אוממעגליך אויסצושרייבן די
דאנקבארקייט... די גרויסע חסדים וואס
איר האט איז אומשאצבאר ...

נאר השי״ת קען דאס צוזאמען נעמען
און שענקען צוריק פאר אייך אלעס גוטס...

השי״ת זאל אייך בענטשן מיט אלע גוטע
ברכות .....

איר זאלט האבן אריכות ימים ושנים טובים
און א גליקליכע לעבן צוזאמען מיט די גאנצע משפחה

א כתיבה וחתימה טובה

ווינטשן אייך
[redacted]
וכל המשפחה

Y02.018

בס״ד

חשובער הרב ליפסקר ומשפחתו

א גרויסן יישר כח פאר
מיך שטעלן אויף אימעיל ליסט.
ס׳איז נישטא גענוג ווערטער
צו באשרייב״ן אלעס אויף גוטס.
נאר השי״ת קען דאס באצאלן

מזל טוב - צו די שמחה
השי״ת זאל אייך געבן כח
ופיל נחת - און אלעס גוטס
און געזונט פרנסה.

Keep up the good Work
The Computer up there
never freezes -

[redacted]

כ״ג ו חשון -

ערב פסח תשע"ב

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

איך וויל אייך באדאנקן
פאר די וואונדערליכע הילף וואס
איר גיבט אזוי ברייטהארציג פאר
אלע משפחות וואס האבן ליידער נישט
זייער "אב הבית". איר טוט דאס
מיט פיל RESPECT און איר זענט
מחיה די גאנצע הויזגעזינד!!
אי"ה בשנה הבאה בירושלים
הבנ'ה - ושם נאכל מן הזבחים ומן
הפסחים.

זאלט איר + אייער גאנצע
משפחה זיין געבענטשט מיט כל טוב
פון אונזער טייערע טאטע אין הימל!
חג כשר ושמח -
מרת [redacted]

אדר תשפ״   בעזה״י -

יהא שלמא רבא מן שמיא
לכבוד ידי׳ גברא רבא
כמו״ר הרה״ג ר׳ אברהם לייפער שליט״א

אחדשה״ט

באתי בשורות אלו לברך בברכת [illegible] הלוב
על השדוך ואירוסין לאימי מורתי תח׳ - שיהי׳ זה
~~[illegible]~~ שמחת עד בלי מצרים - ולא לרבות
שמחתו. מרבה שמחה זו בביתו ובפרט
היום ערב הגדול פסח - עד ק״ה (י)
ברכתי שיהי׳ ושיהיו כל מעלות דרך ההורים
ועוד. - ויזכה להיות הרב דולה ומשקה ומורה
ויזכה לגדל [illegible] ומהספרים כהוי׳ שם
בכבוד

הכו״ח בכל חותמי ברכות
ד״ש אימי מורתי תחי׳

[redacted]

[redacted]

בס"ד אלול תשס"ט

לכב' הרב לויפער, שליט"א

א גרויסע ישר כח פאר
אלעס וואס הרב לויפער האט געטון
פאר מיך, מיין משפחה און אלע
אלמנות
we can prepare for
שבת and ויו"ט calmly
and serve the food [illegible]

בלי גוזמא, איך האב געוואוין
כמעט יעדער טאג פאר
הרב לויפער והמנדבים און
צער משפחות (בפרט [redacted]).

פאר רבש"ע ער זאל בענטשן
הרב לויפער והמנדבים מיט געזונט,
נחת, פרנסה וכל טוב

[illegible]
ואת ותה טובה

[redacted]

בס״ד

לכבוד הרב לעפער שליט״א, עמו״ש

א יישר כח איך וויל צו זאגן פאר
די פילע חסדים איר טוט צו מיר און מיין משפחה.
איך טו אייך באדאנקן פון טיפן הארצן פאר
די פיש, פליישיג א גאנץ יאר, און יעצט פאר פסח
די מצות, צו אונז באמת א גרויסן הילף.
און די פסח פעקל אויך האב איך שטארק
הנאה פון די הערליכע סידורו!
איך פיל א שטארק הכרת הטוב צו אייך
פאר אלע גוטס איר טוט!

הקב״ה זאל אייך בענטשן מיט גוטע ברכות
הצלחה, סייעתא דשמיא, געזונט, נחת, פרנסה,
שמחה מיט אריכת ימים ושנים טובים געזונטערהייט
עס זאל אייך אייביג באגלייטן נאר גוטס!

א פריילעכן און כשר'ן פסח!

מיט פיל דאנק און הכרת הטוב!

[redacted]

בסד לכבוד הרב לויפער שליט"א

מיט א הארץ פול מיט דאנק דעם
באשעפער אז ער טוט מיט מיר
פול חסד כסדר. ערשטענס אז א שטיקל
דאגה פון געלד איז מיר לייכטער געווארן
יעדן וואך ב"ה ווען עס קומט ערב
שבת - און עס קומט די וואכנדיגע ORDER
זאג איך באזונדער מזמור לתודה באמת.
און ווערט אז די צייט אויסצודריקן
מיין הכרת הטוב פאר אייך אלע וואס
טוען מיט אזא מסירת נפש ממש פאר
קרן אלמנות - ווען איך וואלט נישט דארט
געווען וואלט איך נישט געוויסט די געפילן
פון אן אלמנה. ע אהר אלע זענט ב"ה
זוכה די פארגרינגערן די שווערע
לאסט און געפילן פון אונז אלע - און
פארדעם וויל איך אייך ווינטשן דו ברכה
פון די גמרא! איהר זאלט זוכה זיין ווייטער
די קענען פארגרינגערן אונזער שווערע געמיטער
איך ווינטש אייך אלע נחת כח געזונט!

ווינטש מרת [redacted]
בת ר' [redacted]

ב"ה

יום ד' י"ג אדר תשפ"ב

לכב' הר"ר אברהם לויפער שיחי'

מאוד אני מודה לך מעומק לבי על כל החסד והטוב שגמלת עם בני שתחי' [redacted] אלמנת הרב [redacted] [redacted] שהיה מנהל בישיבה [redacted] ורב דקהל [redacted].

בגנזי מרומים הקב"ה מתענג ומשתבח שנמצאים בבניו כאלו שהם רודפים חסד בלי תשלום גמול ופרסום. הלא איוב בעצמו (כ"ט, י"ג) כתב 'ברכת אובד עלי תבא ולב אלמנה ארנן'

חז"ל במס' יבמות ע"ט. אומרים 'שלשה סימנים יש באומה זו רחמנים ביישנים וגומלי חסדים'. וע' בספה"ק ישמח משה בסוף פרשת כי תצא עה"פ 'כי ההרים ימושו' דאמר הקב"ה לישראל שמדת יראת אלקים אפשר מאותי אבל ג' סימנים משלכם יש לישראל דבקות יותר להקב"ה מכל הברואים ושלכן הנכם כנאמר ושכנתי בתוך בני' ע"כ יש להם השבחה יותר מכל הברואים ממדותיו וביישנים הוא שורש ענוה

אשרי חלקך

ע' בספר אהבת חסד מהחפץ חיים זצ"ל חלק שלישי פרק חמישי ויונעם לך.

מעומק לבי אני מברך אברהם בן הענדל שיחי' וכל משפחתו והנלוים אליו שיתברכו ממעון הברכות בכל הברכות לנצח.

את חג המצות הבעל"ט נזכה לחוג בקדושה ובגדלה ונזכה שנה זו לאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

ידידך המבקש לבשר ולהתבשר אך טוב סלה

[redacted]

בס״ד

לכבוד די קרן

ווי נעמט מען די פעדער וואס זאל ארויסברענגען
די ריכטיגע געפילן פון דאנקבארקייט פאר די נאבעלע
חסד וואס איר טוט. השי״ת זאל העלפן אז מיר
זאלן נישט דארפן אנקומען דערצו (אייגנטלעך דאס
איז וואס ס׳מאכט אונז פאר כלל ישראל - און
דעם זכות מעג שוין משיח צדקנו קומען)
ווען די ביטערע אומגליק האט באטראפן כלל
ישראל ערב פסח תשע״ב, ווען אזוי פיל חשובע
רבנים און אידישע קינדער זענען באטראפן געווארן,
האט דאס אונז אויך נישט אויסגעלאזט.
מיין חשובע מחותן הרב ר׳ [redacted] זצ״ל בן
ר׳ [redacted] שליט״א איז נפטר געווארן (זיין א
מליץ יושר פאר כלל ישראל) אויך איידער איך האב
געקענט טראכטן פון אונזער מצב, האט מיין איידעם
ר׳ [redacted] שליט״א מיך געריפן זאגן
אז די פיש א׳ פסח׳יש ארדער (ORDER) וועט ווערן
באצאלט דורך אייער קרן. איך בין געווארן אויסער
זיך פון התפעלות ״אזא זאך איז דא - א׳וויל מיר
אמת׳דיג ארויסהעלפן״ דערמיט איז מיר געקומען
אויפן געדאנק - אוי ווי 😮😮😮, וואס וואלט געווען
ווען אונזערע - מיינע דאס איז די פארהייראטע
קינדער וואלטן ח״ו מער נישט קענען קומען צו מיר
אויף יומים טובים א שבתים? וואס מיט די קימפעט
טארינס, פון ווו וואלטן די קינדער וואס זענען אינדערהיים
עסן, וואס מיט מיר? אבער השי״ת אונזער טאטע

דער הייליקער באשעפער, דער בורא עולם, ער
איז רחמיו על כל מעשיו, האט אלעס אויסגערעכנט.
ער פארלאנגט נישט בכלל ישראל, אויך נישט
די אלמנות & יתומים. מיר בעטן אים...
העלף די וואס העלפן אונז צו זאלן מצליח
זיין און אלע צרכים משובע ווערן.
און דעם זכות וואס איר באזארגט אלע
וואס דארפן שפייזן צו דעם, זאלט איר געהאלפן
ווערן מיט שפע, ברכה, והצלחה. אייערע קינדער

[redacted]

געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא
זרע ברך השם
געזונטע קינדער, צו זאלן זיין געזונטע עלטערן
מיר זאלן אלע זוכה זיין צו די גאולה שלימה
במהרה!!
נאכאמאל א דאנק פון טיפן הארצן
יישר כח

[redacted]

[redacted]

- כלל ישראל האט שוין גענוג מיטגעמאכט!
שיק שוין משיח!!!

בס"ד

לכבוד הרב לופער שליט"א

איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען
אלעס וואס איר טוט א גאנצע יאר און פאר יו"ט
פסח בפרט. איך בין נאר א קליינעקייט, ווייל נאר
די אויבערשטער קען ריכטיג באצאלן פאר אלע חסד
וואס איר טוט.

די אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער
אנגיין מיט אייער הייליגע ארבעט, געזונטערהייט.

א כשר'ן ליכטיגן יו"ט

[redacted]

בארא פארק.

בס״ד

לכבוד הרב ליופער עמנ״ש
איך מאך נישט קיין ארבעס בײ יאר פשור
פסח ווייל איך פליה קיין ישראל צו מיינע קינדער
אויף גאנץ פסח.
סניק מוז איך צאלן. אז די פלייש און פיש
איך קריג העלפט מיר געוועלדיג ארויס. דער
כבוד'ן שלעכט צו איך זעהן פרנסה און
געזונט. איר זאלט קענען אויין מיט די
געוועלדיגע מצווה הינט משיח׳ס טען.

פון [redacted]

בס"ד

To the Laufer Fund

אילו נתת לנו בשר כל השנה, ולא נתת לנו כל צרכי החג דיינו
על אחת כמה וכמה שאתה מספק לנו כל צרכי החג די והותר.

בזכות כל מעשים טובים שאתה עושה תזכה לכל מילי דמיטב בגשמיות ורוחניות

בברכת חג כשר ושמח

משפחת [redacted]
בורו פארק

בס"ד

לכבוד הרב לופער שליט"א

איך וויל שרייבן א גרויסן יישר כח פאר
אלעס וואס איר טוט פאר מיר און מיין
משפחה. דער אייבערשטער זאל העלפן אז
איר זאלט קענען ~~א~~ אייביג העלפן, און מען
זאל קענען מבשר זיין בשורות טובות.
איך לייג אריין א CHECK פאר די קרן.
מען זאל זוכה זיין בקרוב ~~מ~~ביאת משיח
צדקנו ... אמן!

מרת. [redacted]

Y02.030

בס״ד

לכבוד הרב לויפער נ״י

איך וויל מכיר טוב זיין פאר אלעס
וואס איר טוט פאר אונזערע משפחה
א גאנץ יאר. אייער מוסד "קרן
אלמנות ויתומים" איז א חיזוק
און שאפט הרחבת הדעת.

זאל השי"ת אייך בענטשן מיט
בריאות, ברכה והצלחה וכל טוב סלה.

ממשפחת [redacted]

[illegible]

לכבוד הרב החסיד מוה״ר אברהם ליפא
שליט״א

איך קען ניט ווערטער שייך ארויס צוברענגען די געפילן
פון שמחה וואס געלייגט אריין אויפן אלטער מיט
די כבוד שבת וויל געבראכט וואס איבער
[illegible] פ׳ [illegible] אין ניט געפאלן פארגעסער
ווערט גזר וואס מען קען שאפן די כוח בעלי
נפלאות בכל [illegible] בגוף בהרחבה והצלחה ונחת בבנין
[illegible]

[redacted] אלטער [redacted]

Y02.032

לכבוד הרב לויפער׳ן (מלאך מן השמים...)
איך האב נישט קיין ווערטער צו אויסדריקן
מיינע טיפסטע געפילן פון הכרת הטוב.
איך ווייס אז איך בין א יוצא מן הכלל, איך
מיין אז נאר ווייל מיין טאטע ז״ל פלעגט מיר אויסהאלטן
אין מיין מאמע שתחי׳ האט אייך געבעטן האב איך זוכה
געווען צו זיין א חלק פון די שענסטע צדקה׳ס אויפן וועלט.
מיט אזויפיל הארץ! געפילן, סענסיטיווקייט! די מורא׳דיגע
נשמה וואס ליגט אין דעם פעקינג זיך אין יעדע איינציגע
ווערטל! יה״ר הקב״ה זאל אייך באצאלן בכפל כפליים

[redacted]

Y02.033

בס"ד

לכ' הרב לופער, שיחי'

פון טיפן הארצן א גרויסען
יישר כח פאר די געוועלדיגע
עזר לכ' שבת ויום טוב!.

בברכת גמר חתימה טובה
שנת גאולה וישועה -
א פריילעכן יום טוב

בברכות הטוב,

מרת [redacted]

בס״ד

א גרויסער יישר כח

פאר אלעס!

אלען א פריילעכן פורים

ווינטשט, בהכרת הטוב,

משפחת

[redacted]

(בורו פארק)

בס״ד

לכבוד רב לויפער נ״י

איך וויל מיט מיין גאנצן הארצן
אויסצודריקען א שיינעם דאנק פאר
אייער גרויסער הילף פון א גאנצע
יאר אין זייט. איר האט נישט
גענוג וויפיל אז העלפט די פלייש ד״ן
אין פרייש. און אויך שכח פאר
די הוצאות, שיינע ארבע מינים׳ס
פאר דער באשעפער זאל
עמך ברוך ה׳ לעולם.
זאל אייך העלפן און דער אייבערשטער
גרעסטע יעדן און בענטשן מיט
משפחה און [illegible] מאכט פון אומער
און איר זאלט ווייטער־ [illegible]
טאן די גרויסע מצוות
א שיינעם דאנק

[redacted]

Y02.036

ח' תשרי תשנ"ח

בס"ד

ובני שלמה כהן מן השמים
לכבוד הר' גבריאל רבה
ורעיתו הרבנית ב' אברהם לעופר שליט"א

בזה שולח בשמי תודה [illegible] להודות לכם
על עזרתכם הנפלאה -
ובזה הנני לברך אתכם שתזכו כל הלאה
להמשיך במצוותכם הלזו ברוב נחת והרחבת
הדעת - ותזכו [illegible] [illegible] [illegible]
שנה טובה ומתוקה וגמר חתימה טובה
בביאת בן דוד אמן

הכו"ח בכל חותמי בברכה
ובברכת גמח"ט בשם אמי מורתי תחי'

[redacted]

Y02.037

בס״ד ערב שבת/פסח

לכבוד "אנשי הקרן", שליט״א

א גרויסן יישר כח

פאר אלעס,

אפילו אויך ס׳זען אלץ

איבערקערעניש אין די וועלט

תזכו למצוות, דער זכות —

זאלן אלעמען ביישטיין.

חג כשר ושמחה - ממשפחת [redacted]

בסד   ד׳ אי״ר   5/4/20

שלום וברכה
לרב לאופייר שוקד שליט״א
אנחנו מודים לך על כל
העזרה שקבלנו מהרב
האופל והשתיה לכבוד
חג פסח, שמח ושמור,
שתזכו בבריאות תמיד.
הרב לאופ״ר עם כל
המשפחה היקרים שלו (שוקד)
עם הרבה נחת ובריאות
ימים טובים.

[redacted]

shalom to all

Y02.039

בס"ד

לכבוד רודף צדקה וחסד
כמר הרב לייפער שליט"א

איך קום איך מכיר טובה
זיין פאר דעם גרויסען ענין
פון מחזק זיין אלמנות
איך וואלט אריינגעשריבן ווערן
אין דעם ספר החיים אין געזונט
אין נחת מיט ~~פון~~ אייער גאנצע משפחה
כתיבה וחתימה טובה

דעם מרחש [redacted]



בס״ד

א גרויסן יישר כח
פאר אלעס.
דער זכות זאל אייך
ביישטיין,
״והריקותי לכם ברכה
עד בלי די״

[redacted]

Please deliver

Thank You!

Y02.041

בס"ד

לכבוד הר' לויפער, שיחי'
מיט טיפע געפילן פון
דאנקבארשאפט און הכרת הטוב
ווילן מיר ווינטשן א כשרן
פסח און א לעכטיגע יום טוב
מיט נחת און געזונט פון
די גאנצע משפחה.

יישר כח,
משפחת [redacted]

בס״ד

Dear Rabbi Laufer שליט״א

Wishing you and your Mispacha

געזונט, נחת, שמחות
בשורות טובות
פרנסה והרחבה
הצלחה רבה עמו״ש

כתיבה וחתימה טובה

P.S. Thank you [redacted]

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

May the coming year bring to
you and yours all the blessings of
peace, health and happiness.

בס״ד לכבוד הרב לאופער שליט״א

איך וויל אייך העלפן
באדאנקען פארן שטיין צו די הענט
א גאנץ יאר און בפרט יעצט פאר
יום טוב פסח. הרבה לעצוות
פאר די געוואלדיגע חסדי.
יהי רצון מיר זאלן שוין זוכה
זיין צו די גאולה שלימה.

מאת [redacted]

בס"ד

כח שבט
תשע"ה

לכבוד הרב לויפער, שליט"א
א גרויסע יישר כח פאר
אלעס! וישלם ה' את
שכרכם - ותזכו למצוות!

משפחת [redacted]

Y02.045

בס"ד

א גרויסען יישר כח.
דער זכות זאל אייך
בוושטיין.
איר זאלט האבן
ברכה והצלחה!
"והריקותי לכם ברכה
עד בלי די."

[redacted]

בס"ד

איך וויל אייך באדאנקען פון
טיפן הארצן פאר די ארבעה מינים
וואס איר האט געשיקט. השי"ת זאל
אייך בענטשן מיט א געזונט לעבעדיגן
יאר און תמיד. זייט געבענטשט

[redacted]

בס"ד

לכבוד רב לויפער וכל משפ'
הנכבדה, שיחיו

ווערטער קענען נישט אויסדריקן די
טיפע פילען פון הכרת הטוב פאר
די שמחת יום טוב וואס איר פארשאפט!
ישלם ד' משכרתכם השלמה, בבריאות
השלמה, נחת, שמחה וכל טוב.
א גוט קוויטל — א גוטן יום טוב.
משפחת [redacted]

ב״ה

לכבוד הרב לויפער שליט״א

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס
איר טוט פאר מיר און פאר אנדערע
אלמנות!! דער באשעפער זאל אייך
בענטשן מיט אלעס גוטס
א כשר'ן און פרייליכן פסח!

[redacted]

ב"ה

צו דער רבי שליט"א

א דאנק יישר כח פאר די מינים 4
פון סוכות!
די געלט פאר די צדקות וואס דו
טין אין די "רבקה" פון דעם אתרוגים
וואס דו האסט צעשיקט
א גרויס דאנק

[redacted]

Y02.050

בס"ד

לכבוד הרב לויפער, שיחי'
בלב מלא רגשי הכרת
הטוב, מודים אנחנו לך על
החסד שאתה עושה עמי וכל
משפחתי!
יוסף ד' עליכם ועל
כל משפחתכם כח מרובה וסייעתא
דשמיא, ותזכו לרוב נחת מכל
המשפחה מתוך רב ענג ושמחה.
בברכת חג כשר
ושמח
משפחת [redacted]

בס״ד

בסיום ימי החג הפסח חודש האביב
חג הגאולה גאולה לפסך

באתי מעומקי לבבי להודות לך על עזרתך
היפה והחשובה לקראת החג, הן המצות שנאפו
ע״י, והן הירקות והבשר וגרעיני דגנים כיד
רחבה ורוח נדיבה.
וידוע מן הרמב״ם ז״ל שאמר ״אין לך שמחה
גדולה, מי שמשמח (ומרחם) האלמנות והיתומים״
וגם לראות הבשר והדגים במשך ימי החג.
ועזור הקב״ה לראות רק נחת מזרעך
עד עולם בבריאות הו׳ וקיימו דורות ישרים
ומבורכים ונזכה ברוך ה׳ עד עולם.

מעריכה
משפחת [redacted]

נ.ב. גם אני מאוד אסירת תודה לבת הרעיה
הנפלאה, הנדיבה והחשובה בכבוד סבר פנים
יפות. תזכו למצוות!!!

בהוקרה
[redacted]

בס״ד יום ד׳

לכבוד די גאר חשובע עסקנים עמוש

ב״ה מיר האבן שוין נאך יום טוב פסח
און סאיז געקומען די צייט זיך אביסל צוריק
שמועסן.

איך בעט ביים באשעפער איהר זאלט
קיינמאל נישט קענען פארשטיין די אחמנות-שאבער
איך וועל פרובירן אייך אביסל ארויפלייגן
די געפילן פון א פאר פסח און אונזער
שטוב.

ב״ה אז וואס איהר טוט - און האט געטון
ביז אהער איז מיט די גרעסטע מאס
אווירקליכט - איבערגעבענקט וואס דאס
פעלט זיך כסדר. פון באשטעלן און DELIVERY
און די אויסטראגערווערקס מצות און סחורה
פון אלע סארטן איז נאר א מענטש מיט אסאך
געפילן קען דאס באווייזן אויף אזא וועג.

צאל אייך דער גוטער באשעפער באצאלן - וויל
נאר ער קען און ווייסט אמ״ה מיט כלמני
ברכות פאר ישועות און רפואות פאר כלל
ישראל און אייער ארבעט זאל געקרוינט ווערן מיט
אסאך הצלחה אמן.

ווינטש אייך מרת [redacted]

בס״ד

אייר תשע״ז

תהא הקורה הזאת - לאות הכרת הטוב
לכבוד הגאון גברא רבא ועמוד ההוראה
כמוה״ר הרה״ג ר׳ אברהם יוסף שליט״א

מיר דאנקן פון טיפן הארצן
אויף אלעס וואס גוטס טוטס
פאר אלמנות ויתומים - ובפרט
שדכה על ליח ליבך כה״

ותפילתי לפני אדון כל
שיעזור הקב״ה ליתן כח
וגבורה - לעזור ולשמח
לבב נשברים - ולזכות
לב ירווה הרבה נחת
מיוצ״ח - ויזכה לראות בנחמת
ציון וירושלים - ויראנו נפלאות
כימי צאתנו מארץ מצרים
אכי״ר

ווינטש פון הארצן
מרת [redacted]

בס״ד

לכבוד הרב לויפער שליט״א

די שמחת יו״ט און אויך א גאנץ יאר וואס איר

האט אונזער משפחה מהנה

געווען, וועט אייביג בלייבן און

אונזערע זכרונות און תפלות, און

מיר וועלן ווייטער מתפלל זיין

פאר אייער חשובע משפחה,

קינדער, און אייניקלעך שיחיו

השי״ת זאל העלפן איר זאלט זעהן

אסאך אידיש נחת פון די גאנצע משפחה שיחיו!

וואונטש,

משפ׳ [redacted]

Y02.055

ב"ה

י"א תשרי תשפ"ב ערש"ק פ' האזינו

פתקא טבא ושנת בריאות פרנסה טובה
והרחבת הדעת לכב' ר' אברהם לויפער שיחי'

בית אלמנת הרב ר' [redacted] ע"ה
מפאלסייד הביאה לי את הארבעה מינים ששלחת לה
בתוך בספר יסוד ושורש העבודה (שהיה אצל
המגיד ממעזריטש זצ"ל ועל שאלת תלמידו למה לא
מברכו אמר כדי להשפיע יראת שמים על מדינת
ליטא) בשם הנזכר יחס ישעי' מגיע על הנבואו לשמו
שכל מה שנברא בעוה"ז יש לו שורש למעלה
ובמיוחד ארבעה מינים שאחוזים בשמו הקדוש.
בזכות המצוה יתעוררו רחמים מן השמים
שאברהם בן העניא ושרה בת מרים יתפקדו
בזרע של קיימא

המחכה להתבשר בשורות טובות

[redacted]

בס"ד

לכ' הרב לויפער, שיחי'

אין אנחנו מספיקים להודות...
על כל החסד אשר אתה עושה עמנו..

בברכת כתיבה וחתימה טובה
נחת, ברכה והצלחה, בריות גופא
ונהורא מעליא..

בהכרת הטוב
כל טוב
גוט יום טוב
משפחת [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

איך טו אייך שטארק באדאנקען פאר די
הערליכע לולב און אתרוג וואס איר האט געשיקט לכבוד
יום טוב, און אתרוג, הדר. א גרויסן יישר כח.
אויך וויל איך אייך שטארק באדאנקען פאר
די פלייש און פיש, איר טוט באמת א געוואלדיגער
חסד, מיין יום טוב און שבתים טוט איר
באמת פארגרינגערן. עס דערמאנט מיר א
ראיגקייט וויסנדיג אז איך קען האבן פלייש און
פיש בהרחבה!
הקב"ה זאל אייך בענטשן מיט געזונט,
שפע ברכה, והצלחה. שמחת, סיאתא דשמיא געזונטערהייט!
מיט אריכת ימים ושנים טובים!
א שמחת יום טוב!

מרת [redacted]
ST
Brooklyn

בס"ד

לכבוד הרב לויפער נ"י

איך וויל אונטערשטרייכן די גרויסע
~~פון~~ דאנקבארקייט פאר־אלעס וואס איר טוט
פאר די הערליכע ארבעט מיניון, און
פאר די גרויסע הילף מיט פליהע און פינס
זער דאנשעפער קען איך נאר
באדאנקן און ער זאל אייך באגליקן מיט
געזונט, פרנסה, נחת און אלעס וואס
איר ווינטשט אייך, און קענען ווייטער
אנגיין מיט די הייליגע מצוה.
א שיינעם דאנק
מכם [redacted]
ZT.

בס״ד

ט״ו אלול תשפ״א

די יארצייט פון מיין עלטער
שווער הגה״ק ר׳ ישראל יעקב
יוקל בן הה״ק ר׳ שמואל ט״ב
מ׳וואלאווע

לכבוד הרב לויפער שליט״א

ערשט איז די שפראך ארויסצוברענגען אויף פאפיר מיין הכרת הטוב צו אייך, וואס איר שטעלט צו און באצאלט ~~פ~~אר ״מיר און פאר נאך הינדערטער אלמנות שיחיו פלייש און פיש, אויף שבת ויו״ט און לולב און אתרוג פאר סוכות, און מצות פאר פסח, און דורך אייך האבן מיר דערהויבענע און פרייליכע שבתים און ימים טובים און הרחבה בכלל. מדי יום ביומו איר טוהט דעם חסד לאברהם״ און איך קען צו אייך זאגען אזוי ווי השי״ת האט געזאגט פאר אברהם אבינו שברך הרבה מאוד, מיין איידעם האט געמאכט א ר״ת אויף אייער שם טוב ווי פאלגענד

אברהם בן הרעניא רייך מיט מצוות לאנגע ווירבלענדיגע
יארן פרייליכע עהרליכע רייכע און א כתיבה וחתימה טובה

איר זאלט קענען פאר לאנגע געזונטע און גליקליכע יארן מחי׳ זיין יודען. און דער זכות פון הייליגן סאטמארער רבין זי״ע. וואס אייער גיטצעליגער טאטע המנוח החסיד ר׳ שלו׳ ז״ל איז געווען זיין גבאי בדבקה זאל ביישטיין פאר אייך און אייער חשובע רביצין תחי׳ און פאר אייער גאנצע משפחה שיחי׳ צו האבן א שנה טובה ומתוקה, ושנת גאולה וישועה

פון טיפן הארצן

[redacted]

זצ״ל.

Y02.060

ב"ה

בין כסא לעשור ז' לחודש הרחמים
תדבר שפתי פנים בפנים לפ"ק

לכבוד הרב הג' המאור הגדול לממשלת התורה
רבי אברהם לופער שליט"א

בפרוס השנה החדשה באתי להודות לך על
כל הטובות שעשית עמדי בבשר והדגים
לכבוד שבת ויו"ט ברוב פאר והדר.

בספר הרמב"ם מובא "דאין שמחה גדולה בעולם
ויותר ממי שמשמח אלמנות ויתומים".

ועזור הקב"ה להרבות בספרן של צדיקים ובספר
חיים וישועות ונחמות ופרנסה ברווח וסייעתא דשמיא
ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך ונחת מכל
צאצאיך וצאצאי צאצאיך עד עולם!

בברכת שנה טובה ומבורכת
משפחת [redacted]

בס"ד

א גרויסען יישר כח!
די זכות זאל אייך ביישטיין,
"והריקותי לכם ברכה עד בלי די"
א כתיבה וחתימה טובה

לכבוד הרב לוינער שליט״א

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר שיקט!
דער באשעפער זאל אייך בענטשן מיט אלעס
גוטס. אלע אייערע בקשות זאלן ערפילט ווערן!
א זיס לעבעדיג יאהר!

מרס. [redacted]

Y02.063

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א עמו"ש
און אלע עסקנים

איך וויל אויסדריקן מיין טיף הארציגע הכרת הטוב פאר אייך, פאר מיר העלפן אלגאנץ יאר מיט פלייש און פיש, און ארבע מינים פאר סיכת און יעצט פאר פסח די מצות און די פעקל עסן און וויין. וואס איר האט אזוי געטריי צוגעברענגט צו מיין הויז! איר טוט מיר באמת א ריזיגע חסד! א גרויסן יישר כחן

הקב"ה זאל אייך בענטשט מיט הויפנ'ס פון ברכות מיט געזינט, פרנסה, נחת, שמחת, הצלחה, סי'ת דשמיא, מיט אריכת ימים ושנים טובים עמו"ש!

כל טוב!

א כשר'ן פסח!

[redacted]

בס"ד לכב' הרה"ג ר' אברהם שוחט לאוי"ט

בפרוס חג הפסח, חג הגאולה, החודש אשר ישועות
בו מקפות י' ניסן תשע"ג לפ"ק
לרה"ד הרה"ג ר' אברהם לוינגער שליט"א
אבד"ק בארגע

באתי להודות לך על החבילה לצורך יו"ט
בהרחבה גדולה, וגם לחלוקת המצות שמורה
שנאפה ע"י ידך בשמירה ובהידור יתירה!

ויעזור הקב"ה להלאה שתזכה שנה
על ידיכם ואורך ימים ושנות חיים עם עולם
בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות
בברכת חג כשר ושמח
משפחת [redacted]

Y02.065

בס״ד

א ש גרויסן יישר כח פארן
צו העלפן לכבוד יום טוב

א כשרן און א
פריילכן פסח

[redacted]

YOUR KINDNESS
AND COMPASSION
MEAN MORE
THAN YOU COULD
EVER KNOW.

THANK
You

לכבוד הרה"ג, עמו"ס
רבי לוויבער

ברצוני להודות לכם
על כל העזרה והתמיכה
בזמן הקשה שהיתה לנו
לעניינים. ממנו הארתם
לנו החושך!
השי"ת יתן לכם אורה
ושמחה ואך
(טוב וחסד
[redacted] כל ימי חייכם)

Michal Negrin

בס״ד

צו אונזערע חשובה
ר׳ לייפר שליט״א
און גאנץ קרן אלמנות מוסד שיחיו עמו״ש

איך וויל אויסניצן די הייליגע יו״ט שבועות
פאר א געלעגנהייט צו באדאנקן אויף ענקערע
איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט
צו אונז.
וויסן זאלט איר
אז ענקערע חסד קומט אן ביז אין הימל
ווייל ביי מגן אברהם – בך חותמין
בעט איך אז השי״ת זאל אייך בענטשן.
אמאל איז עס א מילכיגע חסד, א פורים׳דיגע
אדער יו״טדיגע
איר זאלט זוכה זיין צו
כסדר קענען געבן.
גוט יו״ט!

משפחת [redacted]

בס"ד   לכבוד הרב לאופער, שליט"א

אפילו ס'לאנג נאך פסח וויל איך
אייך הערצליך דאנקען פאר אלעס
צו די פסח וואס איך האב באקומען פון
אייך, דערמיט וויל איך אייך אויך
דאנקען פאר די פיש און פלייש וואס
איך באקום א גאנץ יאר, מיט פיל
מאלכט איר גרינער מייער הצלחות און
עס העלפט אלעמיל צו שמאמשפחה
טוב. באלד איך זיין געדענקען מיט אייער
רושונדער משפחה מיט פיל טוב סלה־
געזונטערהייט,

בכבוד רב
מכת [redacted]

Y02.069

בס"ד

כ"ח חשון תשפ"ג

טייערע רב לויבער שליט"א

צו ערשט וויל איך באדאנקען פאר
די שיינע ארבעט מיניק סעט וואס איר האט מיר
געשיקט. עס האט מיר ממש געגעבן א רוהעקייט.
און א שמחת יום טוב אז איך האב מיך
נישט געדארפט זארגן וועגן דעם.
איך וויל אייך אפגעבן א הארציגע
מזל טוב אויף אייער נייע איינקל זאל זיין
געזונט, איך האב דערמאנט די נעמען פון
אייער זיידן און שניר הווטש איין מאל א טאג
די שמע קולנו צייט איר האט געשריבן וועגן דעם.
איך וואלט אויך געוואלט וויסן וועגן
צי איר האט שוין [redacted]
זיווג געווען צי א שידוך. איך וואלט געווען
זייער דאנקבאר ווען איר לאזט אונז וויסן
אז די מענטשן פאר וועמען מיר דאווענען האבן
א ישועה.
די באשעפער זאל אייך באצאלן פאר
אייערע חשובה ארבייטן אויף ביידע וועלטן
מיט דאנק
[redacted]

Y02.070

ב"ה
תשרי תשפ"ג

החיים והשלום וכל טוב סלה שנת בריאות ומזלא טבא
לכב' הרודף צדקה וחסד הר"ר אברהם לייפער שיחי'
ולכל בני ביתך. כולכם יעמדו על הרי הברכה עד עולם

בתי [redacted] שתחי' אלמנת הרב [redacted]
הודיעני שקבלה מכם ארבע מינים מהודרים
לכבוד החג הבעל"ט

יהא רעוא שאברהם בן הענא וזוג שרה בת מרים
יזכו לחתום בספרן של צדיקים גמורים
אתם וכל יוצאי חלציכם

אבינו אב הרחמן ימלא כל משאלותיכם לטובה
וזכות גדולה יהא לנשמת אביכם ר' שלום ע"ה

גמר חתימה טובה

[redacted]

בס"ד

יום ה' לסדר והתברך בלבבו שלום יהיה
כ"ו לחודש הרחמים והסליחות (אלול) תשפ"ב לפ"ק

לכבוד הרה"ג ר' אברהם לאפיר שליט"א
אבד"ק פארסיג

בפרו"ס השנה החדשה הבעל"ט באתי להודות
לכ' מעומקא דליבא על היחס ודאגים לכל השנה בהרחבה
גדולה. לעשות את השבת.

וגם לרבות ההשקעה מנין שלום בתפלית
הבוידר לכבד היום טוב.

יעזור הקב"ה שתהי' לכם שנה טובה ומבורכת
שנת גאולה וישועה. ולהכתב בספרן של חיים. פרנסה
ברווח. ונחת מכל צאצאיכם וצאצאי צאצאיכם עד
עולם. עושר ואושר בבריות גופא ונהורא מעליא.
ונודע מהרמב"ם שכתב שאין לך מצוה גדולה
מלשמח לב אלמנות ויתומים. ובפרט קודם ויום
פסח התקופה הגדולה בזמנו. כן ומשוך להשיה.
יהי רצון שתזכה לשמוע קול שופר של משיח
במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו בביאת משיח
צדקנו אמן בברכת כתיבה וחתימה טובה
ושנת גאולה וישועה

[redacted] משה

Y02.072

בס״ד

לכבוד הרב ליפער נ״י

קודם וויל איך אייך ווינטשן א
גריסהארציגן מזל טוב צו אייער נייעם אייניקל.
איר זאלט האבן א סך אידיש נחת און האבן
א סך שמחות!

איך וויל אויסדריקן אייך די גרויסע
דאנקבארקייט פאר אלעס וואס איר טוט
פאר די הערליכע ארבע מינים און פאר
פלייש און פיש וואס איז א גרויסע הילף.

דער באשעפער זאל אייך מיט אייער
משפחה געבן געזונט, נחת, פרנסה
און איר זאלט קענען ווייטער אנגיין מיט
אייער הייליגע מצוה

א שיינעם דאנק
מרס. [redacted]

ערב יום הקודש תשפ"ג

בס"ד

לכבוד רב לאופער ומשפחתו, שליט"א

מיט פיל דאנקבארקייט אין הכרת
הטוב פאר די הערליכע ארבעה מינים
וואס איך האב באקומען פון אייך.
ה' געבן איר זאלט זיין געבענטשט
מיט אלע ברכות.
בברכת גמר חתימה טובה

מנוח

[redacted]

בס״ד אלול תשפ״ב

למשפחת הרב לייפער החשובה שיחי'

אין אנו מספיקים להודות ... !

איך קען נישט גענוג באדאנקען אייך אלעס וואס
מען טוט פאר אונז, מיט דער קרן, פאר שבתות,
ימים טובים און א גאנץ מער ...
ימלא הקב״ה משאלותיכם לטובה ולברכה !

שתזכו להמשיך בצדקה וחסד לאורך ימים ושנים טובות
מתוך בריאות הגוף והנפש, מיט סייעתא דשמיא, בהרחבת
הדעת ובהצלחה רבה.

א שאך אידיש נחת מכל צאצאיכם החשובים שיחי'
א גוט געבענטשט יאר !
כתיבה וחתימה טובה
אויך פאר די חשובע נדיבים יחי'
שנזכה לשנת גאולה וישועה בע״ה בקרוב.
מכספים דלך מלא הכרת הטוב, משפחת [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב ליפשיץ דמו"ש

איך וויל אייך דאנקען, איך וויל אייך
וואונטשן, אבער דער הקב"ה אליין קען דאס
טאן, אנקומען מיינע געהאלפן און עס באצאלן,
איך האב ב"ה געהאט 2 קינדבעטערנס
ביי מיר אין הויז, 2 ברית האב איך געמאכט,
איך האב געזאגט פאר די בריתן צו קויפן
טעלערן האב איך באשטעלט וואס איך דארף.
דאס אליין, זיי האבן באשטעלט צו האלטן
נארהאפטיגע עסן פאר די קינדבעטערנס, האט
מיך געמאכט שפירן זייער גוט.
יעדן שבת און יום טוב ווען די משפחה
קומט, זיי האבן ברווח און זיי דארפן קלערן
וואס צו אבער ניט. שטשו!
השי"ת זאל אייך העלפן אין אלע אייערע
ווערק,
מזל טוב, צו אייער נייע אייניקל.
זאל דער באשעפער אייך דערפרייען נאך
מער ווי איר טוט אונז דערפרייען, מיט נחת
דקדושה, פרנסה בכבוד, פאר אייער גאנצע משפחה
געזונטע לאנגע יארן עד ביאת גואל צדק
במהרה

מרת [redacted]

בס״ד

א גוטן געזונטן מזלדיגן
ערב שבת תולדות   חודש.

לכבוד הנהלת קרן אלמנות

ב״ה איז די ימים נוראים צייטן
שוין אדורך און מען האט אביסל
ישוב הדעת - איז געקומען די צייט
אויסדריקן אונזער הכרת הטוב בכלל
אויף אלע פאר די מורא'דיגע עבודה
וואס איהר לייגט אריין אין דעם קרן.
ווען ערב שבת ווען די פוסטמאן פלעגט
קומען אריין אין שטוב קומט מיט א
פרייד וואס איז אין לשער. זאל אייך
דער באשעפער בענטשן מיט כל טוב א ברכה
והצלחה געזונט נחת פרנסה - מיר זאלן
שוין זוכה זיין צו די גאולה שלמה במהרה
ווינטש מרת [redacted]
בת [redacted] ע״ה
אמן.

Y02.077

בס״ד מצש״ק

לכבוד הנהלת קרן אלמנות!

הודו לה׳ אז איהר האט זוכה געווען.
מבשר צו זיין פאר אונז אלע - אז איהר
האט זוכה געווען נאך אסאך יאהרן צו
א נייע אייניקל ב״ה. ישר כח פאר אונז
מיטהאלטן די נייעס! מיר האבן טאקע יעדן
טאג געדאווענט פאר זיי. זאל השי״ת ווייטער
אייך העלפן אלע וואס ווארטן אמן.
א גוטע וואך - מזל און הצלחה. מרת [redacted]

בס״ד יום שלישי כ״ו כסלו יום שני דחנוכה תשפ״ג

לכבוד הרב טויפער ומשפחתו החשובה שיחי׳

תודה רבה מעומק לבי עבור כל
הטובות והחסדים שאתם עושים אתי
ועם כל כך הרבה נשמות מעם ישראל..
ישלם לכם ה׳ הטוב בגמולכם הטוב
וימלא את כל משאלות לבכם לטובה
ולברכה.

בזכות זה שתזכו יחד עם
כלל ישראל, לגאולה השלימה
בביאת משיח צדקנו
שנזכה כולנו במהרה לראות
בבנין ביהמ״ק בחסד וברחמים רבים
ישר כחכם
הצלחה רבה
וכל טוב

[redacted]

ב"ה

יום א' וארא, תשמ"ג

לכבוד הרב לייפער, שיחי'

איך האב שוין לאנג געוואלט שרייבן א
בריוו. צוליב פארשידענע סיבות איז עס נישט
אויסגעקומען. אבער ווען איך האב באקומען די
BOOKLET פון קרן יתמות ואלמנות און די פאסט
האב איך באלד גענומען דערצו.
אזא pamphlet מיט אזויפיל געפיל און הארץ!
עס איז אומגלויבלעך די ווארימקייט און חסד
פון דעם קרן!! עס ברענגט צו שמחה און
מנוחת הנפש פאר יעדען שבת ויום טוב
"אין אנו מספיקין להודות"
די רבש"ע זאל אייך געבן כח און ברייטקייט
צו קענען אנגיין מיט דעם חסד. עס איז נישט
דא קיין ווערטער!

מיט פיל דאנקבארקייט
וכבוד,
[redacted] מרת

נ.ב. - צ"ט איר האט אונז געגעבן די נעמען פון
[redacted]
וואס ווארטן אויף קינדער, בין איך מתפלל
יעדען טאג. מיר ווארטן צו הערן גוטע
נייעס ב"צ און ב"ה אלע וואס דארפן ישועות!

כל טוב

[redacted] ST. BKLYN, NY 11204

Y02.080

בס"ד

לכבוד משפחת ליפער עמו"ש

איך קען נאר אויסדריקן מיין דאנקבארקייט מיט א פשוטע
יישר כח,

אבער הקב"ה קען אויפטוען סך מער פון דארט אין דער
הויעך.

זאל ער אייך שיקן געזינט, ברכה, הצלחה, ישועות און
פרנסה לרב,

און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו די גאולה בקרוב!

מאת: מרת [redacted]

בס״ד

טייער רבי ליבער, שלום

איך האב אייך נישט גוט געפונען וואס איר טוט
פאר מיר [illegible] [illegible] טעלעפאן איך האב אייך נאר [illegible]
אז [illegible] [illegible] [illegible] צאל איך טאקע [illegible] זיין
[illegible] אין אלער [illegible] [illegible] אייער פאר איר [illegible]
משפחה.

א גרויסער א שכח פאר העלפן מיר צו א כשרע
[illegible] [illegible] בעטן

מרס [redacted]

איך בין [illegible] מיט ד [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]!

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שי'

תודה על הנדיבות ועל הנתינה תמיד בשפע ובעין טובה. מיתץ וה' ישלם לכם כגמולכם הטוב באהבה. ושכל משאלות לבכם ומלאו לטובה.

בברכת כתיבה וחתימה טובה!

משפחת [redacted]

Y03.002

בס״ד

כח׳ אדר ב׳ תשפ״ב
March 30, 2022

לכבוד הרב לויפער, שליט״א

איך בין אן אלמנה אכצאק יאהרן. איך האב עפהאדעוועט 2 קינדער, לשם ולתפארת. מיין זיהן איז א ראש כולל מיט אכצאך קינדער, ב״ה, אין לאנדאן, ענגלאנד. (ביאלע)

מיין טאכטער וואוינט אין ארץ ישראל, איהר מאן לערנט אין מיר ישיבה. ער האט געשריבן 2 ספרים, און זי ארבעט - האט א ״גן״ (קינדער גארטען) אין איהר שטוב. זיי האבן חתונה געמאכט שיין, 4 קינדער, ב״ה. זיי קומען יעצט אויף פסח מיט 4 קלענערע קינדער, א צייט צו מיר און א צייט צו די אנדערע מחותנים.

[redacted]

איך שרייב די נעמען פון [redacted]
[redacted] צו מתפלל זיין פאר זיי.

א גוט יום טוב. [redacted]

די check איז לטובת פאר א CAR SERVICE.

בס״ד לה׳ הארץ ומלואה
לכבוד: Rabbi Laufer
אגוט געבענטשט
יאהר רפואות
ישועות פרנסה
זוכה ציון צוכן
בגולה שלמה
והנה בית המקדש
משיח צדקנו
במהרה ובימינו אמן
אוך בין אלמנה,
פארק 39 ואחר
[redacted]

Y03.004

בס"ד

לכבוד
רבני לאופר שליט"א
ובני משפחתו היקרה שיחיו.
ברצוני לברך אתכם, וכל
מי שקשור לארגון,
בברכת שנה טובה ומתוקה
עם כל הברכות, שפע אושר,
עושר ונחת מכל בני משפחתיכם.
וגם להודות לכם על כל
העזרה, והחסד שאתם עושים
איתנו תמיד, כמו
איתנו, ה' ישמח אתכם שאתם משמחים

יישר כח, ותמשיכו
מחיל אל חיל...

תזכו למצוות
בהוקרה רבה
[redacted] וכל
בני משפחתי.

בס"ד

צו די תשובה ארגאניזאציע
פון קרן אלמנות ויתומים!
פון טיפן הארצן ווינטשן מיר א
גרויסן יישר כח פאר די וואונדערליכע
שטיצע פון פיש - פלייש און אנדערע מינ׳
השי"ת זאל העלפן מיט
אלעם גוטן

[redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

מיט די פאר שורות וויל איך אויסדריקן ווין פיל דאנק
און הכרת הטוב פאר אייער ברייטהארציגע הילף. ווען איר האט מיך
גערופן א וואך נאך מיין מאנ'ס פטירה, איצט אומפארהאפט, און מיר
אנגעזאגט אייער הילף, האב איך דאס קודם אפגעווארפן. איך האב נאך
געגלויבט אין דעם פאלשן דמיון פון די פילע לעדיגע הבטחות וואס אלע
וואס האבן מיר צוגעזאגט אז זיי וועלן מיר העלפן בדרך כבוד, און איך
וועל קיינמאל נישט דארפן נעמען פון צדקה.

נאר נאך אייערע פילע הסברות האב איך מסכים געווען צו
אננעמען אייער אנבאט. איר זאגט ווען אז היינט באקום איך נישט [redacted]
[redacted] פון קיינעם פון מיין משפחה. (זינט איך קריג א ישר פון
מיין מאנ'ס פטירה) ווען נישט איך צאל האבן אייער שטיצע וואלט איך
נישט געוואוסט פון וו צו געבן פאר מיינע קינדער צו עסן. די אומגעהויערע
מנוחת הנפש יעדן טאג, וואוסנדיג אז איך קען שטעלן נאכאמאל אויפן
טיש, איז די איינציגע זאך וואס האלט מיך נאך נישט אריינצופאלן
אין יאוש. ווען צו די אלע אנדערע איבערמענטשליכע שוועריקייטן, ~~וואס~~
מיט וואס מען דארף זיך פארמעסטן, וואלט נאך צוגעקומען די עול
פון באצאלן די גרויסע הוצאות פון פליש און פיש, בפרט פאר
יו"ט, וואלט דאס ליידער געווען צופיל אויסהאלטן.

דאנקענדיג לייענער צוקומען צו מענטשן אין פארשידענע ארטן,
קען איך זאגן, אז איר זענט פון די איינציגע מענטשן וואס
העלפן א צווייטן איד בלויז לשם שמים און קיין שום אגענדע
פון אייגענע חשבונות פון כבוד אין manipulation !!

חזקו ואמצו אייער שכר איז גאר גרויס. השי"ת זאל אייך
זיכער העלפן בזכות די גרויסע מצוה, און איר זאלט געבענטשט
ווערן בכפל כפלים און קיינמאל נישט דארפן אנקומען צו קיין
מענטשן.

[redacted]

בס"ד

חשובער ר' אברהם לויפער שליט"א

ווען איר האט אנגעטראגן צי צאלן מיין פיש און פלייש
און איר טיט עס. פאר אלמנות האב איך נישט
פארשטאנען אינגאנצן די חכמה וואס ליגט אין דעם
נושא איך שפיר פין דעם אז מוראדיגע געפיל
כ'ין SUPPORT אז איך בין נישט אליין אווצל די וועלט
און איך האב אוי* אינטערלאנער.
איך קען עס נישט מז ביר ז"ן......

אויך איר האט פראבלעמען מיט דעם לאוסט מיך וויסן.

בושות
דן ר'
[redacted]

הש'ית זאל העלפן
אז איר זאלסט כסידר
זוכה זיין צי טין גרויסע מצוות

בעזרת ה' יתברך

ג' בא תשעח

לכבוד אייך, טייערע אידן נ"י

אז איך נעם אפיר
דעם פעדער און פאפיר
ארויסצוברענגען דורך איר
די הכרת הטוב וואס איך שפיר...

ס'נעמט נישט לאנג
א וואונדערקלאנג
פול מיט דאנק
לויב און געזאנג!

און אויסגעשטרעקטע האנט
ווי א שטארקע וואנט
נאכאנאנד
אינטערגעלאנט.
נעם די געלט
טו וואו דיר געפעלט
בויע אויף דיין געצעלט
האב הנאה פון דעם
אייבערשטנס וועלט!

אוי באשעפער קוק
איך בעט דיר שיק
באצאל זיי צוריק
פיל שמחה און גליק.

מיין הכרת הטוב
איז אין סוף
איך ווינטש אייך
אידיש נחת לרוב,
נאר שמחה און טוב!

מה נאמר ומה נדבר. אז דער אייבערשטער שיקט א נסיון, שיקט ער אוודאי די כוחות עס אויסצוהאלטן און די כוחות קומען פון די מינוטן פון התגלות ה' ווי דער אייבערשטער באווייזט זיין רחמנות אינמיטן דעם הסתר פנים... טייערע אידן, איר זענט די שליחים פון הקב"ה וואס ברענגען הויפנס חיזוק פאר אונזער משפחה מיטן געבן און אפענע אקאונט אין די פלייש & פיש געשעפט.

אנגעהויבן האט זיך עס ערב תשע"ח ווען כ'האב באקומען א רוף פון ר' אברהם לויבער נ"י אז פון היינט און ווייטער וועל איך אי"ה קענען איינקויפן פלייש & פיש וויפיל מען ברויך, האגערהייט. עס האט זיך געעפנט פאר מיר די טויערן פון א שנת גאולה וישועה. עס לינדערט אזוי שטארק די אינערליכע און אויסערליכע עול פון פירן א שטוב אליין. עס פילט זיך אזוי ווי מ'האט מיר אויפגעלאכטן די אויגן און אריינגעפירט אין גן עדן. אנדערש ווי אנדערע ארגאניזאציעס ווי מ'דארף יעדעס מאל עקסטער קאלן און באשטעלן, און פאר מיר איז עס געווען א שטארקע אפקומעניש פון בושה אזוי ווייט אז איך האב זיך אנטזאגט עס צו נעמען. היינט באקום איך אלעס "אויף א גאלדענע טאץ, ממש. "יישר כח!

איך געדענק, ווען איך האב איינמאל נישט געמאכט קיין פליישיגע נאכטמאל. כ'האב געטראכט אז איך וועל מיך אן עצה געבן, און די קינדער וועלן נישט אויפפאסן אז מ'וועט עסן ברויט מיט מילכיגס. אז מיר האבן נישט, מן הסתם דארף מען נישט... ווי ערשטוינט בין איך געווארן ווען מיין קליינע אינגל איז אהיימגעקומען פון חדר און די ערשטע זאך מיך אויפגעזוכט צו געזאגט "מאמי כ'בין אזוי דערשראקן, גארנישט קאכט זיך נישט אויפן פלאם"... דאן האב איך פארשטאנען ווי שטארק ער דארף די פלייש, און ווי שטארק ער דארף די ווארעמקייט פון א געקאכטע מאכל, אז עפעס קאכט זיך אין שטוב...

↙

בעזרת ה' יתברך

המשך...

דערפאר וואס די קינדער ווערן ב"ה גרעסער
אין די הוצאות וואקסן מיט... טוט עס
אפילו פארגרינגערן צ פארלייכטערן און
ברענגט אפילו חיזוק צ שמחה.
ספעציעל אז מיר עסן אלע שבתים
צ כמעט אלע ימים טובים אינדערהיים.
היינט קענען מיר זיך שוין ראיג ערלויבן
צו רופן געסט און דאס ברענגט
אפילו פרייליכקייט אין די קינדערליך קע"ה.

און דערפאר וואס די וועלט דרייט זיך
האף איך צום אייבערשטן, מיט שמחה זיך
צו טרעפן אין אן אנדערע מצב, בקרוב
צו ווערן פון די געבערס, נישט פון די
נעמערס, און צו געדענקן דאן דעם טייערן
חסד, אייך טאן חסד מיט אנדערע.

הקב"ה זאל אייך בענטשן, פיל הצלחה,
געזונט, פרנסה און אידיש נחת, גרינגערהייט,
איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון קיין
צער, און איר זאלט זוכה זיין שטענדיג
צו טאן חסד, און זיך צו דערנענטערן
צום אייבערשטן מער און מער....!

[redacted] מרת.
[redacted] און משפחת

Y07.003

בס״ד

לכבוד הרב לויפער שליט״א

צום נייעם יאר וויל איך אייך קודם אונווינטשן א
א גוט קוויטל, א זיסן ווינטער, מען זאל האבן גע׳פועלט
אלעס גוטס.

איך מוז עקסטערע נעמען די צייט אייך צו
באדאנקען פאר די אויסגעצייכנטע חסד וואס איר האט
די צדקה צו טאן, יעדן טאג פון יאר. די הרחבת הדעת
און רואיגקייט וואס עס ברענגט אריין אין א אידישע שטוב,
ווייסנדיג אז סיי וואס די מצב איז, דארף מען זיך נישט
זארגן פון וואו מען וועט נעמען פיש און פלייש אין די
ווירטשאפט קען אינגאנצן זיין ביתר טוב, איז ממש די
העכסטע שטאפל פון חסד.

נאך מער לויבנסווערט איז די פאקט אז אלעס ווערט
געטאן שטיל אן קיין שום אדווערטייזמענט וואס מאכט פילן
די באטרעפנדע משפחות אביסל ביליג אין פארשעמט. די
אופן אין כבוד וויאזוי איר העלפט איז נישט בנמצא
ביי קיין שום חסד ארגאניזאציע אין וועלטליך!

און עקסטערן יישר כח מוז איך אייך געבן פאר
די פערליכע מהודר׳דיגע ארבע מינים וואס איר האט אונז
געשאנקען לכבוד יו״ט. די שמחה פון מיין זון ווען ער איז
אהיימגעקומען פון אייער געשעפט איז שווער צו שילדערן.
ער האט מער פונקטליך אנגעהאלטן מיט וויפיל רעספעקט
מען איז זיך צו אים אומגעגאנגען, כאילו ער איז א
געזעריגער קינד!

איך גלייב אז די אלע צובראכענע משפחות וואס

Y07.004

איר קענט אזוי אויך בדרך כבוד זענען אויך די
זעלבע מיינונג. השי״ת זאל אייך באצאלן כפל כפליים.
איר זאלט האבן נאר גרינגע טעג. געזונט, נחת, הרחבת
הדעת, סייעתא דשמיא, און השי״ת זאל אייך בענטשן
אז איר זאלט קיינמאל נישט דארפן אנקומען צו קיין
מענטשן.

מיט פיל דאנק
מרת [redacted]

Y07.004

בס״ד

מכו״ד אברהם ליבער

מיט פיל הכרת הטוב פאר אלע
אנגעשטעלטע אינעם קרן אלמנות וואס
איך שרייבן דערפאלג שליסלדיגע תנו״ק
איך וועל פרעקירן בקיצור צו
פארשרייבן די אלע גוטע זאכן וואס
איר טוט אין מיין שטיק די ברכהדיגע
פל״ש אין כיש וואס ווערט צוגעשטעלט
לויטן פינקטלעכן פארלאנג
ווען דער דאקטער האט מיר
אין געזאגט צו עסן בהמו פלייש
צוליב חסרון אדער שוואכקייטן
אין מח איז עס בפרט נישט געווען
צו פראבלעם ווייל אז עס איז
נישט קיין פרו בלע בארשאייק

ס'איז עס באלד נישט קיין פראבלעם
און ווען עס מאכט זיך א זאלבע
זאכן ביי די [redacted]
קינדער זאל די מתנה פאר
א קינד · קינדבעט [illegible] און
עס איז שווער בארען פארפאלק
שיטיסטען און פרהבטיגן זאכטמאל
שיק איך אריבער א גיטע זאכטמאל
מיט קרעפטיגע פלייש און
דאס עסט מען אין טאג וואס
מען וואל געגעסן אבוי אפוי
פי זיין
די · יאר פסח איז געווען לעבעדיגע
מיט די ווייבן וואס איר האט

Y07.005

געגעבן לכבוד יום-טוב

עס איז שוין געווען א מאל א
יום-טוב אנדער סוכות
דאס איז דער קליימעקס איר
קענט זיך נישט פארשטעלן
וואס איך האב געשטאנען מיטן געבן
3 מיניט אלס איינקל פון
און אתרוג סוכה הושענא אלס
קליין קינד פארשטאנען צו און אתרוג
איך האב שטענדיג געליבט
צו א הדר אבער זייט איך בין
אליין אין דערל אנקומען צו
צי. דעם אין הענט צוליב מיר

האַנדלען אין אַמעריקע

די לעצטע פֿאַר יאָר האָט מײַן
שכן קסויר באַקומען דערמ
טסך ער האָט מיר דאָס
ערלעדיגט שוין פֿײַן וואָן
דער חבֿר איז אַנטקעגנגעקומען
איז ער געגאַנגען העלפֿן זײַן
משפּחה אין דער 8 יורגער
ברידער געפֿינען אויך ציק מיר
געקויפֿט 3 מינוט בײַ זײַן בעטער
און ער האָט מיר פֿאַר קויפֿט וי
ער האָט געקלאַפּט אַפּרוי פֿולט
דאָס צוויי נישט ~~מגסער~~ פֿאַרשטאַן

Y07.005

נישט האָבן דיס אַ דור
מכור מאַטערט ווין זאָגט יודן
יומטוב מייקענעס אָבער לעבן
יאָר איז שוין געווען אַנדער
מוסא איך האָב זיך שוויגעזאָגט
אַז פֿון דעם יונגער מאַן קויל
איך מער נישט דמיונות די אויס

ער האָט מיר פֿאַרקויפֿט דאָס
לעבעדע קשרען אתרים
אין פֿאַרן קינד אַוועק געשענקט
זעסט לעבעטע דער ליליק
אַז געווען קליין און אָנגעזאַרט
שפּיגלען מאמיש פּיטשאָת

עס האָט נישט געהאַט אַ שיעור
פון אַ ליליק דעם שטן
מכור קאָנט מיר געווינס אַ ריע
אַז עס איז קשר אין אַן געדאַנקט
נישט צו מאַכן אַהבבה דעם
צווייטן טאָג ווייל נאָכן שטאָקלף
וועטס שוין נישט זיין כשר

ווען איך האָב מיט פרייד געפּלאָנט
דעם יודעו אַז איך גאָט עפּקדן
ד מינוט אַז די שמחה געווען
גאָר גרויס מייגע קינדער האָבן
אַלץ מיט געהאָלטן דעם, לאָסט
איז אַרויף פון קאָפּ ווי-דעווי

איך וועל די יאר קוקן אן
אתרוג ווען די דמזית
זבנק אונגעקרימן פון איך פיזק
ניסט געווען אינשליב האט מען
עס אבער געגעבן זיס שפען
ווען דער חבור האט געזען
דעם שיינע ליליב האט ער געמיפן
באטראכטן דעם אתרוג עס
איז באמת געווען א הידר עס
איז געווארן א שמחות יוםטוב
ב״ ז״ אין שטיב די מאמע
האט מיר געקלינגן אויפן סעל
אז איר זין איז ש״ן האג

ער קען זיך רייג גרייטן צי

זיין חתונה אין אויסלאנד מען

וועט שוין נישט מוזן האקיקען מיינע

זמינות בער ויקטור מאן זיסער

עס איז כשר אלע אזמנער

האבן האנט געהאט אין געלט

אלעס ברכה דינער אתרוג וואלט

מען געשטעלט פאר $350-$400

אין קיינעמס איז נישט געשטאנען נאנט

צי אלע שיינע עס האט מיר

אזוי דער בריוו איך האב מיר דערמאנט

אין מיין צוואונג צייטן • מיט פיל דאנקען [redacted]

אגייסטן נשר כח הורדישיין ביזנטום

נארה הפטיגר נאכט מאלס דיקינדער אינאמען

Y07.005

ב"ה

לכבוד די חשובע הייליגע אינטערנעמונג פון "לויפערס צדקה" פריאקט -

"עולם חסד יבנה" אויף זיילן פון חסד שטייט דער וועלט,
פאר די וועלט טוען פיל מער ווי נאר געלט,
מיט אלעס ברייטקייט געבן פיש/פלייש צו וואס עס פעלט אים,
צו מאכן לעבעדיג און פרייליך א אידישע הויז,
נאר השי"ת קען באצאלן דערפאר,
ער וועט שיקן דעם רעכטן פארדינטן שכר,
וואס וועט זיכער זיין עד אין לשער.
השי"ת זאל שיקן געזונט, הצלחה, הרחבת הדעת מ'זאל קאנטינוירליך זיין
מיט די הערליכע אינטערנעמונגען ביז משיחס טאג אמן.

מיט פיל הכרת הטוב
משפחת [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

זייענדיג נאך אונטער רושם פון דעם דורכגעלעבענעם
יו"ט פסח, פיל איך פאר א פליכט אייך צו שרייבן די
פאר שורות.

ווי מיר ווייסן זענען די הוצאות יו"ט געוואלדיג גרויס,
און, ווי פארשטענדליך, פאר א יו"ט ווערט מען פול מיט
דאגות וויאזוי מען וועט קענען איינבריינגען דעם יו"ט אויף אזא
גרויסן פארנעם, מיט אזויפיל סעודות, נאך דערצו ווען שבת
און יו"ט קומען ב"ה די פארהייראטע קינדער און אייניקלעך ב"ה.

עס איז נישט מעגליך צו שילדערן די הרחבת הדעת און
מנוחת הנפש עס ברענגט ווען מען ווייסט אז א געוואלדיגע גרויסע
חלק פון די צרכי יו"ט אין בפרט די פלייש ווערט צוגעשטעלט
איינגאנצן אומזיסט, אזוי סיסטעמאטיש און גרינג, בדרך כבוד,
און איבער אלעם מיט אזא סבר פנים יפות!!

אייערע זכותים זענען אומשאצבאר, און זכות פון
דערפרייען אזויפיל צובראכענע שטובער, זאל אייך השי"ת
בענטשן מיט אלע ברכות פון די תורה, עושר ואושר וכל
טוב.

מיט פיל דאנק
מרת [redacted]



בס״ד

יום ג׳ לסדר לך לך

פארט זיך א שיף אינעם רוישיגן טייך
און פראבירט מיט אלע כוחות זיך
צו האלטן גלייך

דער קאפיטאן טוט אלע מיטלען פראבירן
אז דער שיף זאל זיך אין די רוישיגע
כוואליעס נישט פארלירן

וועלכע עצה עס טוט אים נאר איינפאלן
צוזאמען זיינע מיטהעלפערס דארט פארהאנען.

אויסצופירן יעדע באפעל גלייך,
און לאזן זיך ארויסציען פון רוישיגן טייך.

דער קאפיטאן האט ערריכט זיין ציל מיט פיל חכמה
און פארשטאנד
כאטש זיי צוזאמען אנגעקומען צו א פארשטופט לאנד.

ער האט זיי פונעם שווערן מצב ארויסגענומען
ביז זיי צוזאמען צו א סטאבילן ארט אנגעקומען

חשובער עסקן הרב ליפער״
שליט״א

אויף רוישיגע כוואליעס טוט דער מענטשנס לעבן זיך פירן
זיך אנהאלטן שטארק מיר פראבירן

אבער אזוי ווי קיין געניטע קאפיטאנען טוען מיר נישט זיין
קענען מיר זיך שווער אנהאלטן אליין

אבער דער רבש״ע האט אונז געטין צושיקן א געניטער
קאפיטאן
וואס ווייסט ווי אזוי צו פירן דעם שיף לויט זיין פלאן

© 011 "מלכות וקסברגר" 03-6154900

Y07.008

בס"ד

די פיש און פלייש וואס מיר באקומען
בהרחבה
איז פאר אונז ממש א הצלה

דער הייליגער שבת איז פאר אונז א
גרויסער תענוג
און מיט עולם הבא צאל אייך דער
באשעפער ציין מענג

די קמחא דפסחא מיט אזא ברייטקייט
א אנגעפילטע יום טוב מיט אזא הארציגקייט

א עקסטערע הכרת הטוב וויל איך ארויסברענגען
פאר די הערליכע ד' מינים וואס איר טוט מיר שיקן

נאר הקב"ה טוט דעם אמת וויסן
אז נאר אדאנק אייך טאן מיר פון די ד' מינים געניסן

יישר כח פארן אונז פארשאפן אזא ענין וויכטיג אייביג
השי"ת צאל ניעשט צוריקקערן אייערע תפילות לידיג
און צאל אייך באגלייטן
אין אלע צייטן

שטענדיג קומען ארויסהעלפן אנדערע אין צייער צרה
און אייער קאפיטאן זאלט זוכה זיין צו א גוטע שכר

פיל נחת צען ביי אייער משפחה געזינטערהייט
אלעמאל נאר וויסן פון א ברייטקייט

ניעשט וויסן פון קיין שוועריגקייטן קיינמאל
און בקרוב זוכה זיין צום גואל ישראל

איר צאלט זוכה זיין צו א ציס לעבטיג יאר
מיט אלע השפעות טובות ביז גאר
מיט דאנק מרק [redacted]

Y07.008

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

קודם וויל איך אייך אונוואונטשן א גוט יאר, א געזונטן ווינטער, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

איך פיל פאר א פליכט אייך נאכאמאל צו שרייבן און אייך באדאנקען פאר אייער כסדר'דיגע הילף יעדן טאג פון יאר. די רואיגקייט און הרחבת הדעת וואס איר ברענגט אריין אין א אידישע שטוב, מיט דעם וואס מען ווייסט אז נישט קיין חילוק די מצב, און דאך איז זיכער - פיש און פלייש וועט נישט זיין קיין פראבלעם!! די ווירטשאפט קען זיך אנגיין אן קיין שום שטער אדער דאגה! און די עיקר נקודה איז אז אלעס ווערט געטון אן קיין שום פאמפע, וואס מאכט די באטרעפנדע משפחות פון אזוי פארשעמט!! איך גלייב אז עס איז נישט דא נאך אן ארגאניזאציע אזוועלכע וואס העלפט אידן אזוי בדרך כבוד!!

אן עקסטרע יישר כח מוז איך זאגן פארן שענקען פאר אונז לכבוד יו"ט אזעלכע הערליכע ארבע מינים. די שמחה מיט וואס מיין זון איז אהיימגעקומען איז אומבאשרייבליך! ער האט מיר פונקטליך ארויסגעלייגט וויאזוי מען זאל זיך באגיין מיט אים כאילו ער איז א געהעריגע קונה. מי כעמך ישראל!

השי"ת זאל אייך באצאלן ווייל אייער שכר איז אומשאצבאר! איר זאלט געבענטשט ווערן מיט א גרינגע, רואיג לעבן, נחת, געזונט, הרחבת הדעת, און איר זאלט קיינמאל נישט דארפן אנקומען צו קיין מענטשן.

מיט פיל דאנק

מרת [redacted]

Y07.009

בס"ד

לכבוד הרב ר' אברהם שוואב

איך האב נישט קיין ווערטער
זיך צו באדאנקן פאר אייער
אויסטערלישע חסד וואס איר טוט מיט
אונזער משפחה.

"יישר כח"

נאר השי"ת קען און וועט אייך
פיל גיטס באשערן, איר זאלט
האבן א לעכטיג זיס געזינט
פרייליך מזלדיג יאר פיל מיט
שמחות און נחת דקדושה איר
זאלט האבן הצלחה אין סייעתא
דשמיא אין אלע אייערע וועגן.
ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין
צו די גאולה שלימה בב"א.
גמר חתימה טובה

משפחת [redacted]
קרית יואל

408 © י. עיצוב 03-6196820

Y07.010

בס״ד

א גמר חתימה טובה!!

השי״ת זאל אייך בענטשן מיט
אלע ברכות!! די רואיגקייט,
אין ישועה הפעלן, אז איך קען
איינקויפן פיש, אין פליישׂ, פאר
שבתים, אין ימים טובים, איז
״געוואלדיג״!!
נאר די גרויסער באשעפער קען,
אין וועט אייך באצאלן, מיט געזינט,
פרנסה, אין אסאך אידיש נחת!!

אויך וויל איך מיר זייער שטארק
באדאנקן פאר די הערליכע, שיינע,
ארבעה מינים לכבוד סוכות!!
עס איז אמאל גרויסע שמחת יו״ט!!
— לעצטע יאר האט מיר א מבין,
וואס פארשטייט די פרייזן פין אתרוגים,
געזאגט אז איך האב א הערליכע,
טייערע, אתרוג!! איך קען אייך נישט
גענוג דאנקען... איר זאלט זיין
געבענטשט מכל מילי דמיטב!!
א גוט געבענטשט יאר!! בשובות...

בס׳ד

לכבוד די חשובע ארגאניזיישן
אלע חשובע לייט, דער רב שליט"א
וכל העסקנים החשובים לאוי"ט.

באתי להכיר-תודה לכם אנשי החסד
שאתם חושבים עלינו כל השנה.
תודה על הדגים והבשר של כל השנה.
תודה מיוחדת על ה ארבע מינים לסוכות.
ותודה על כל הטרחות שאתם עוסקים בהם.

שה' ישלם לכם בכפל כפלים,
ה' ישמח אותכם וכל משפחותיכם.
שנה מתוקה
שנת גאולה וישועה.
מרת [redacted]
מונרו

Y07.012

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את מעלת כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר [redacted] נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת [redacted] תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום [redacted]
[redacted]

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם עטרת חי' שרה
106 S. MADISON AVE., SPRING VALLEY, NY 10977

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם בשמחה

הורי החתן		אבי הכלה
[redacted]	ובי"ב	[redacted]
קרית יואל יצ"ו		קרית יואל יצ"ו

ב"ה הזמנה מיוחדת אל הרה"ג עמוד החסד כש"ת
הרה"ר אברהם ליעדער שליט"א
כבר שלש שנים [illegible] היתומים נזונים ע"י במתן בסתר [redacted]
[illegible] יהא שכרך הרבה מאד.

Y07.013



בס"ד

לכבוד יושב ראש
קרן אלמנות ויתומים.

איך וויל אייך באדאנקען
פאר די חסד וצדקה וואס איר טוט
א גאנצע יאר ובמיוחד לכבוד
די ימים טובים.
השי"ת זאל אייך באצאלן
בכפל כפליים מיט כל טוב,
ווי אויך פאר אלע וואס
ארבעטן מיט, און די וואס
זענען די נדיבי לב.

א כשרן פריילאכן
יום טוב פסח

[redacted]

מונרו.

אביזרי אופנה. סידקית. קישוטי שיער. גרביים
מאה שערים 66 (ליד בריזל) טל: 02-5324076, פתוח רצוף 11:00-22:00

Y07.014



בס״ד

לכבוד די חשובע

אינטערנאציאנאלע - מפעל

אומנות ויצירות

יישר כח! איז אן אויפטו

וואס „ארויסגעבן" וואס עס

מאכט די [illegible] וואס אויף

דער [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] איז [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] עס

[illegible] [illegible]

בס״ד

נאך דאס לייענען אלעס,

איז מיר קלאר

דער שוין געמאכט [illegible]

די קליינע אלע שוין - - -

איז געווארן געוואקסן [illegible]

שמחה - - אמן געשמאק - - -

דאס דער [illegible] [illegible]

אלע אנדערע [illegible] פון [illegible]

[illegible] דער [illegible] ___

דער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible],

יישר כח פון [illegible] [illegible] [illegible] ___ מיט [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] - מיט [illegible] [illegible]

[redacted]

בס"ד

לכבוד די רב לוי פער

איך דאנק פון פאר אויס פאר די גיטס
וואס איר טוט מיט מיר צו העלפן מיט
צוארכי יום טוב פסח
בע"ה גיי איך זיין יום טוב ביי מיין שוואגער
ר' [redacted] פסח און בעט איך
אויב מקען שיקן די ארדער צו זיין הויז
אדרעס איז קריאס יואל 101, [redacted]
tel : 845 [redacted]
די אויבערשטער זאל העלפן מיט אלעס
גיטס, געזינט, פרנסה און נחת און
ווייטער קענען העלפן אידישע קינדער

מרת [redacted]

Y07.016

בס"ד

לכבוד משפחת לינער עמוס

השי"ת זאל אייך באצאלן כפל כפלים פאר אלעס וואס איר טוט. ס'איז דאס גוואלדיג!!

דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט א זיס - לעבעדיג - געזינט יאר מיט נחת רוח

און אלע צוזאמען אנטקעגן גיין משיח צדקנו אמן.

ווי עס ווינטשט מיט

גרוס [illegible]

משה [redacted]

Y07.017

בס״ד

לכבוד ר׳ לויבער, עמו״ש

א גרויסן יישר כח פאר

די נדבות פון פיש און פלייש

א גאנץ יאר און לכבוד פסח.

איער האט מיר ממש מחי׳ געווען.

[redacted]

בס"ד

יום ג' במדבר תשפ"א לפ"ק

כבוד הרב ר' אברהם לעפער שליט"א ומשפחתו:

איך וויל באדאנקען פאר די וואנדערליכע שליח פון
אויבערשטען, וואס שטעלט אייך צו מיט אזא געטריישאפט
און הארציגקייט, אזעלכע פריי"ליכע שבתים בפלויותם
אין בפרט די אויסנאם ברייטהארציגע ימים טובים,
ווי מען קען פראוונען די סדרים אין סעודות אין
צוזאמען פארברענגען מיט די קינדער און אייניקלעך.
ווי אויך די מהודרדיגע ד' מינים, און קיין ווייטאגליכע
זארג פון כסף מגלגלן.
מיט אזא רוהיגקייט, לעבעדיגקייט, און פרייליכקייט, האבן
מיר דעם יום-טוב פארברענגט, מיט שבת אחים גם
יחד. ווי איר שטעלט צו א שפע פון פיש, פלייש,
מזונות מיט נאך, בהרחבה.

א עסקטערע דאנק; איך בין זייער באנומען געווארן
עס איז מיר זייער צום הארץ די יום טוב מתנה די
אויסנאם שיינע פראקטישע סידורל מיט א לעבעדיגע
גרויסע שריפט, וואס איז זייער פראקטיש אין קומט
מיר צו נוצן טאג-טעגליך.
פון ווי קומט מען נעמען די ווערטער צו באדאנקען
אייך מיט די נדבנים.

זאל השי"ת אייך מיט די משפחה באגליקן מיט די ברכה
פון יצחק אבינו "מטל השמים ומשמני הארץ וכו' מיט
געזונט נחת דקדושה הצלחה, ברייטע פרנסה און מיט וואס
אייער הארץ באגערט. זאל השי"ת אייך דאפלט ערפילען.

מיט דאנק;
מרדכי [redacted]

בס"ד

לכבוד הרב הצדיק רבי אברהם לויפער שליט"א,

איך בין שוין ליידער אן אלמנה פאר איבער 5 יאר, אבער איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דעם טאג וואס איר האט מיך פערזענליך גערופן אויפן טעלעפאן. עס איז געווען קוים צוויי וואכן נאך די שבעה און איר האט זיך ממש געבעטן צו מיר איך זאל אייך געבן די זכי' פון מיר ארויסהעלפן. איך האב נאך דעמאלטס נישט געוואוסט אז עס עקזיסטירן אזעלכע מלאכים וואס העלפן אזוי בדרך כבוד, אן קיין רעש און פאמפע, און איך האב נישט אזוי גרינג אנגענומען אייער טייערע אנבאט. זייענדיג אפגעבריהט פון פיל "כלל טיערס" וואס האבן מיך געמאכט פילן אזוי נעבעכדיג און פארשעמט, האב איך נישט געגלייבט אז איר מיינט באמת נאר מיין טובה, און עס וועט מיר נישט קאסטן קיין עגמת נפש און בושות.

יעצט ווען איך קוק צוריק צו די פארלאפענע יארן, שטיי איך און שטוין פון אייער מדריגה אין חסד וואס האט נישט זיין גלייכן אין די גאנצע וועלט!! די רעספעקט און פריוואטקייט מיט וואס מען גייט זיך אים, איז ממש העכער אלע השגות! די הרחבת הדעת און מנוחה אז מען ווייסט יעדן שבת ויו"ט און יעדן איינציגן טאג אז מען קען אנגיין מיט א רואיגקייט, מען קען קאכן לכבוד יו"ט מיט א ברייטקייט , מען קען כסדר רופן די פארהייראטע קינדער צו דערפרייען די שטוב, גיבט כחות צו קענען אנגיין, טראגן אלע שוועריגקייטן! פון די ערב פסח חלוקה און פון די ארבע מינים איז בכלל נישט שייך אפילו צו רעדן.

איך ווייס נישט אויב איך האב גענוג ברכות אייך צו בענטשן, אבער השי"ת ווייסט אלעס און קען אלעס, און ער וועט אייך אודאי באצאלן בכפל כפליים!

מיט דאנק און שעצונג,
מרת [redacted]


ברכות ואיחולים

ב"ה

לכבוד הגאון בצדקה
איש החסד ר' אברהם שליט"א

איך בין פיל מיט
הכרת הטוב פאר אייער
הילף פאר מיר א גאנצע
יאר, ווי ס'נעמט אוועק פיל
דאגות פון וואו צו קענען צאלן
פיש און פלייש. וכו...
באמת א יישר כח.
איר זאלט זיין געזונט און
קענען ממשיך זיין במצוות
מיט הרחבת הדעת.
מרת [redacted] מונרו

ספעציעל א דאנק
פאר די ד' מינים.

"מלכות וקסברגר" © #896-7

Y07.021

בס״ד

טרעז ר׳ שוופער,

א גרויסן יישר כח פאר
אווע מתנה פֿון אוייך אן
בכבודיגע ווויפן -
א גוט גבענטשט יאר

Y07.022

Gmail

Rabbi Abraham Laufer <7825349@gmail.com>

(no subject)

1 message

[redacted]@gmail.com> Mon, Sep 13, 2021 at 2:40 PM
To: 7825349@gmail.com

ראש השנה תשפב

איך פרוביר זיך פארצושטעלן די וואגשאל פון הרב לויפער שליט"א...

מלאכים לויפן און שלעפן פילע פעק. וואס ליגט און דעם? הויפנס פרישע טשיקן פלייש,בהמה פלייש,capons,טשיקן roll, שיין געשניטענע בייליק, און די ליסטע איז נאך לאנג,לאנג.

דאס אלעס דארף מען רעכענען און די טויזענטערס! לויט וויפיל צאל נפשות הרב לויפער איז מחי'.

די מלאכים רוקן אריין פילע סלייסעס סעלמאן פיש צוגעשטעלט ספעציעל לויט יעדןס פארלאנג.
די וואגשאל קען נישט דערהייבן די וואג אבער וווארט...עס קומען צופליען באקסעס מיט פאטעטאס,עפל,זעק צוויבל,קעסטלעך אייער, גרעיפ דשוס,וויין,און די שענסטע פון אלעם, מהודר'דיגע מצות!!

איבער אלעם איז די גוטע געפיל מיט וואס דאס ווערט באגלייט ווי מ'זוכט נאר אטקעגן צוקומען און דערפרייען אידישע קינדער!!

און זכות פון די ליכטיגקייט וואס איר שיינט אריין אין אידישע שטובער, זאל השי"ת אייך צוריקבאצאלן מיט שמחה ונחת, הרחבת הדעת,געזונט, און אלע גוטע השפעות.

א כתיבה וחתימה טובה!!

(מרת. [redacted]קרית יואל)
ביטע נישט ארויסשרייבן נאמען אויב מ'גייט פובלוצירן די בריוו)

בס״ד

הנני מאחל לך [illegible] [illegible] [illegible] חג כשר

ושמח ונזכה [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

Y07.024

בס"ד

לכבוד הרב הצדיק רבי אברהם לויפער שליט"א,

יעצט, אינמיטן די שווערסטע ארבעט, און אנגעשטרענגטע הכנות צום הייליגן יום טוב פסח, פיל איך ווי מוז אראפנעמען די פאר מינוט און זיך זעצן שרייבן אט די פאר שורות.

ב"ה די הויז פינקלט שוין כמעט, און מען האלט שוין טיף אינמיטן קאכן. ב"ה די קינדער העלפן און זענען פרייליך, און די מאמע גייט ב"ה אן מיט א רואיגקייט. איך מוז זאגן בקול רם אז דאס אלעס, אלעס, איז אייך צו פארדאנקען!! איר האט אריינגעברענגט די גאנצע הרחבת הדעת און מנוחה אין דעם שווערן זמן! ווי מען דרייט זיך, זעט איר מיט אייער ברייט הארץ א רעכטער שותף! צו איז דאס די מצות, וויין, פלייש, פיש, גראסערי וכו' אלעס געטיילט מיט אזא ברייט הארץ און אזויפיל געפיל און בעיקר בעיקר "בדרך כבוד" אן אונז מאכן פילן ווי נצרכים.

א מענטש איז באגרעניצט און קען נישט באצאלן פאר אזויפיל חסד און צדקה, אבער השי"ת איז א כל יכול און אייער שכר איז אומשאצבאר. איך בין מתפלל פאר אייך און השי"ת וועט אייך אודאי נישט שולדיג בלייבן. איר זאלט געבענטשט ווערן מיט ענדלאזע ברכה, הצלחה, סייעתא דשמיא, געזונט, הרחבת הדעת און נחת ביי אייער גאנצע משפחה.

א כשר'ן פרייליכן פסח און א שמחת תמיד.

ווי עס וואונטשט פון טיפן הארצן,

מרת [redacted] און די גאנצע משפחה

בעזהשי"ת

יום תענית אסתר תשפ"ג לפ"ק

לכבוד מנהלי קמחא דפסחא,

רצו"פ נדבה קטנה לפי ערך חשיבות פעולתכם היקרים,
ה' יעזור שתזכו להמשיך הלאה, וכל המשפחות יושעו
ולא יצטרכו זה לזה ולא לעם אחר,
ובזכות מצות צדקה יצילנו ה' מכל גזירות קשות
ורעות קודם נגאלה,
ונזכה לנחמת ציון, ונזכה לסיפור מן הצרות ומן
הנסים אמן

[redacted] · חונה פה קרית יואל יצ"ו

בס״ד

לכבוד ר׳ לויפעק הי״ו

א גרויסן יישר כח פאר
אלע שפּיצן אויף אלע שיינע
אופן.

השי״ת זאל אייך בענטשן
מיט כל טוב.

[redacted]

בס"ד

לכבוד הרב לויפער שליט"א

ווערטער פעלן אלע איניג,
און טינקט איך דא צו ווייניג.
און די יעצטיגע צייט ווען עס
טוט זיך צו[illegible]פיען,
און אונזער הארץ הכרת הטוב
געפילן,

נאר דער אבי היתומים קען אייך
באלוינען,

אלע ברכות וואס איר קענט
זיך אויסמאלן...

איר האט שטענדיג פאר
א צווייטן קענען געבן,

און זוכה זיין צו אריכות
ימים, א גיס און
לעכטיג לעבן!

ישר כח פאר אלעם!
אויף שמחות...

מרת [redacted]

אני לדודי ודודי לי

בס״ד

לכבוד הגודל צדקה וחסד הרב ר׳ אברהם
שליט״א

למנצח מזמור שיר
א ליבע א דאנק און א שיעור
צום רבון כל העולמים
פאר זיינע וואונדערליכע שליחים
וואס האבן איין ציל
צו העלפן א צווייטן מיט הארץ און געפיל
מיט אזוי פיל מחשבה און איבערגעגעבנקייט
מהנה צו זיין צו יעדע צייט.

אז עס קומט דער יום טוב פסח
יעדער פרייט זיך
צו קענען צו די מאמען אלע סעודות קומען
ווייל מצות, פיש, און פלייש בעסער באקומען
ווי אויך קמחא דפסחא די גרעסטע
ווען פרוכט און גרינצייג די בעסטע
אז עס קומט דער יום טוב סוכות ווידער
באקומט מען א הידור
פון אלע ד׳ מינים
ביז צום שטוב אנגעקומען
מען קען קויפן מיט א ברייטקייט
פלייש און פיש
און פארברענגען מיט די קינדער
און גליקלאך ביים שבת טיש
מיט מנוחת הנפש דאס איז קלאר
קומען אלע שבתים פון יאר

Y07.029

בס״ד

בס״ד

אצינד ווינטשן מיר צו׳ר צום אלמעכטיגן האר
דאצאל דינען הייליגע שלוחים
אל אוומשאצבארע שכח
עסן מיט א ברייטקייט אויך מתנת אוצה
אין דאס נאציה צו״ נחת די והותר
מיט כח אין גיזונט און אסך ברכה
אין די עבודת הקודש פוסק הצלחה
ביז מיר וועלן צוכה זיין
צו גיין קעגן משיח צדקינו
במהרה בימינו אמן

מיט פיל דאנק
מרת [redacted]

הכתיבה וחתימה טובה
א גוטע געבענטשט יאר
פאר די גאנצע משפחה

בס"ד

לכבוד הרב ליפשר שליט"א,

דער בריוו האב איך שוין לאנג געוואלט שיקן. וועדע מאל ווען איך הייב אן שרייבן, ענדיגט זיך עס מיט א ים פון געפילן און טרערן. טרערן פון ווייטאג און בושה אז איך דארף אנקומען צו די הילף געמישט מיט טרערן פון פרייד און לויב צום אויבערשטן אז ער האט געשיקט דעם "מלאך" אונז צו העלפן.

ווי קען מען טרעפן די פאסיגע ווערטער וואס אויסער וואס דער רב פארזארגט פאר אונז, געבט עס דער רב מיט א בריטהארציגקייט און כבוד, מיט א געדולדיגע Sensitivity צו פארמיידן די בושה. עס קומט אויך אזא באהאלטענע וועג אז אויך די קלענערע קינדער פון שטוב ווייסן בכלל נישט אז די עסן אויפן טיש האבן מיר געדארפט אנקומען צו אנדערע דערפאר. אייער הילף יעדע וואך איז פאר מיר א גאר גרויסע ישועה.

און עקסטערן "יישר כח" פאר די אתרוג און לולב וואס איז אנגעקומען אומגלייבליך אינגאנצן גרייט מיט פונקטליכע instructions! און די עסן אויף פסח! אזא שטאפל פון געבן מיט כבוד און גוטסקייט עקזיסטירט נישט אויף די וועלט!

עס איז נישטא די ווערטער גענוג ארויסצוברענגען מיינע געפילן פון הכרת הטוב!

איך בין שטענדיג מתפלל צום אויבערשטן אז אברהם בן הענים וכל המשפחה און אלע וואס העלפן צו, זאל דער באשעפער בענטשן מיט פיל גוטס און אלעס וואס זיי דארפן. דער רבש"ע זאל צוריקבאצאלן בכפל כפלים מיט אריכות ימים, געזונט, פיל נחת און א גוט געבענטשט יאר.

מיט פיל דאנק
מרת [redacted]

Y07.030

בס״ד

יישר כח פאר די
קולטב הין התכוג. עס
הערוו אסאך בז.גלגלים
בז. אוצר שמחות ווט

ל. [redacted]

בס"ד

לכבוד די חשובע קרן
פון ר' אברהם שליט"א.

פון טיפן הארץ טו איך זיך
באדאנקען פאר אייער הילף פון
אגאנץ יאר,
און בפרט יעצט פאר סוכות
פאר שיקן די ארבע מינים
ביזן שטוב אזוי שיין און הערליך.
השית זאל אייך באצאלן
בכפל כפליים
מיט כל טוב וטיב.

בהוקרה
מרת
(מונרו [redacted]

בס״ד

רב ברכות, ושובע שמחות וכל מילי, ישלחו לכבוד דודינו היקר וידיד נפש
כל חי, הרב הגאון המפורסם, גן הדסים, ערוגת הבושם, פעולותיו הנשגבות בעניני
הצדקה והחסד אין לשער ולספר למן הכלל והפרט, שבאו מי ימלל, אין דומה לו הכלל
כש״ת הרה״ג רבי אברהם שליט״א אדלער דארוך יצ״ו

הנני מצווה ועושה מאמי מורתי תחי׳ לכתוב שורות שתים שהן הרבה להביע עומק תודה
על כל הטוב והחסד אשר עשה ועושה עמנו להיות לאחיעזר ולאחיסמך, באופן
נפלא ובדרך כבוד להחזקת צרכי הבית והכנסת אורחים והכנסת כלה וכל
המסתעף,

הנה אם אמרנו נספרה כמו את גודל ההערכה וההתפעלות שהרגיש אבינו,
ז״ל הכ״מ על כל פעולותיו הנשגבות בגדר הרגיל מלהכיל, ועמד לנו להיות
בעזרתו לחזקו ולהחזיקו באופן דקיים מה שנאמר אם נדבו ירצה ד׳ איש את רעהו
ומכבדו בחייו מכבדו במותו, מאז שנפלה עטרת ראשינו עומד לנו לאב ולפטרון
לחזקנו ולאמצנו בגוף ובסכומים גדולים, ורק בכוחו ובזכות פעולותיו היקרים
תשי״ת נמשך כל העבודה ובית אבינו זצ״ל בכל המובנים וכל המובנים

ונסיים בברכה שעוד רבות בשנים, דשנים ורעננים, יזכה לעמוד על
משמרתו בקודש בטוב ובנעימים, להרביץ תורה ומוסר בישראל
ולהיות תומכו תמיד, ובזכות המצוה הגדולה יעמוד לו ולכל ב״ב לרוב
רב תענוג ונחת דקדושה, במדה נפשי, בצאצאים הגונים, בנים ובני
בנים, בבריאות ושלמות, מתוך עושר ואושר וכבוד, והדות, שלום ברכה
והצלחה בכל מעשי ידיו, ובפרט כעת בפורים ימי הפורים וחג הפסח שיעבור
לסיימה בשמחה מרובה בתשועת התכלית לכל מילי משפחות ...
ובקרוב תתמלא מגן אברהם - במדת החסד - יעלה לנו משמחו בתוך תמיד
בעמוד הכהן לאורים בב״א,

המצפים לישועה כ׳ שבט תשנ״ג לפ״ק
[redacted]
בשליחות אמי מורתי תחי׳

בס"ד

תודה על כל מאמציך!

אגדה לכבוד שבת

לכבוד ושלום

[redacted] [redacted]



Thank You

בס״ד

לכ׳ הרב לויפער

עס ליגט אויף אונז א חוב,
אויסצודריקן די געפילן פון הכרת הטוב.
כאטש עס איז אפשר אוממעגליך,
פאר די הילף וואס איר זענט אונז מהנה טאג טעגליך.
ווען מיר קוקן איבער אויסגעצאלטע Bill,
ווי קען מען בלייבן שטיל?...
מיר געדענקען - און פארגעסן נישט קיין מינוט.
אונזער גאר - אויסגעמאטערטע שריט!
מגלגלין זכות על ידי זכאי - שטייט געשריבן,
דער אייבישטער האט אייך אויף גוטע שליח אויסגעקליבן.
צוליב דער רבו״ע, פאר אונזער צייט און טירחא באוואוסט,
פיל שענער ווי איר קענט מיר אייך אויסמאלן!

בס״ד

מיט אלע ברכות וואס אין די תורה שטייט
געצייכנט, פרנסה נחת, ביז די 120 געזונטערהייט!

מיט פיל דאנקבארקייט,

[redacted]

Thank You

בס״ד

[redacted] טייערע און חשובע

עס זעהט אפשר אויס אז איך האב פארגעסן...
ווער ס'איז געווען דער שליח אז אויפן אזא מאל זיין
צו זען...

אבער פארגעסן איז אוממעגליך...!
ווייל עס שטייט מיר פאר די אויגן טאג טעגליך!
ווען איך קוק אויפן אויסגעצוהטן ווייב,
ווי קען איך בלייבן שטיל??
מגלגלין זכות על ידי זכאי שטייט געשריבן,
דער אייבערשטער האט אייך אלס גוטע שלוחים
אויסגעקליבן!
זאל דער רבש״ע, פאר אייער זכות און טירחא בגדולה,
פיל שענער ווי איר האט מיך אליין אויסמאלן!

בס״ד

מיט אלע ברכות וואס אין די תורה שטייט,
געזונט, פרנסה, נחת ביז די טבן געזונטהייט!
מיט פיל, פיל, פיל, דאנקבארקייט,

[redacted]

Y07.036

בס"ד

לכבוד קרן אלמנות ויתומים (אברהם לייפער נ"י)

מיט פיל הכרת הטוב טוען מיר דעם חתונה
איינלאדונג שיקן
אונזערע טיפסטע געפילן פון דאנק אויסדריקן
ווי גוטע שלוחים - מלאכים פון אויבן
אייערע געוואלדיגע פעולות איז ווערד צו באלויבן
א ראויקייט און מנוחת הנפש טאג טעגליך
לכבוד שבת ויום טוב - אלעס איז מעגליך
זאל דער בורא עולם - אבי יתומים
אייך באצאלן בכפל כפליים
שטענדיג זיין פון די וואס טוען צווייטן דערפרייען
מיט אלע ברכות פון די תורה געבענטשט ווערן
השפעות טובות זאל זיין ביי אייך מערן
בשורות טובות אלעמאל הערן
מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין
אנטקעגן דעם גואל צדק גיין בב"ח

משפ' [redacted]

Y07.037

בס״ד

לכבוד הרב לויפער, נ״י

איך וועל קיינמאל נישט קענען גענוג
אויסדרוקן מיין טיפע געפילן פון הכרת
הטוב צו אייך. עס איז נישט משיג
צו זיין די געדולדיגע, אויסנאמע, הארציגע מדה
פון צדקה וואס איר טוט, אויף א טאגטעגליכן
אופן. א יעדעס מאל באזינדער וואס איך קען
די פיש און פלייש, טוה איך באזינדער דאווענען
און בעטן א ווארימע תפילה צו השי״ת פון טיפן
הארצן. אז השי״ת זאל אייך באצאלן און בענטשן
מיט אלע גוטע ברכות, ישועות, רפואות און א שפע
פון כל טוב וטוב.

מיר שטייען יעצט אין די הייליגע טעג פון חודש אלול.
און מיר גרייטן זיך צו ראש השנה, צום יום הדין.
וויל איך אייך בענטשן און בעטן דערביי א טיפע.
הארציגע געבעט צו הקב״ה. אז נאר דער רבש״ע ווייסט באמת
פון אייער מתן בסתר, מיט וואס עס ווערט געטאן מיט אזויפיל הארץ
און געפיהל. וועט השי״ת אייך זיכער באצאלן כפל כפליים מיט
א כתיבה וחתימה טובה און זיסע לעבטאג. גוט געבענטשט יאר!

מיט טיפע געפילן פון הכרת הטוב!
מרת: [redacted]

#807-5 © "מלכות וקסברגר"

Y08.001

בס"ד

לכבוד הרב לויפער נ"י

איך וויל דא דערביי עקסטער
באשרייבן. ווייל איך פיל אז די
חסד און דבקות וואס איר טוט מיט
די ארבע מינים דארף א באזונדערן
פאפיר פון דאנק. ווייל די גוואלדיגע מצות
וואס איר טוט דערביי האט נישט קיין מאס
און קיין שיעור, איז אוודאי די שכר פון דעם, האט
אויך נישט קיין מאס און קיין שיעור! איך וויל דא
ארויסברענגען אז עס איז נישט מעגליך צו באשרייבן ווי
אומאנגענעם עס איז פאר א פרוי אליין, צו דארפן
אנלעגן די ארבע מינים. די לעבעדיגקייט וואס האט
אריינגעשיינט אין מיין שטוב ווען די הייליגע ארבע
מינים מיט אלע הידורים איז אנגעקומען, איז געווען נישט
פשוט! עס האט באלויכטן מיין שטוב מיט ריכטיגע הרחבת
הדעת און מנוחת הנפש. עס איז געווען די שענסטע נ׳י
סוכות! איר האט מקיים געווען די מצוה פון ושמחת בחגך
פאר אזויפיל אידישע שטיבער. זאל אייך השי"ת באצאלן אז ביי
אייך און אייער משפחה זאל הערשן די "ושמחת בחגך" א
גאנצע יאר באגלייט מיט ישועות רפואות און טוב וטוב!
מיט טיפע געפילן פון הכרת הטוב - מרת. [redacted]

#807-5 © "מלכות וכסברגר"

Y08.002

בס״ד

לכבוד די חשובע ארגאניזאציע קרן אלמנות ויתומים

עס איז נישט דא קיין אויסדריק וואס זאל קענען מסביר זיין די געפילן נאך מיין חורבן פון מיין מקדש מעט, ווען אונזער הייליגער קרוין איז אראפ געפאלן פון אונז.

דער טעלעפאן רינג וואס איך האב באקומען תיכף נאך די שבעה, איז געווען די בעסטע באלזאם וואס עס איז נאר פאראן אין אזא ביטערע זמן....

מיט אזא ווארימע געפיל וואס דאס קען מען נישט מאכן ווען מען האט דאס נישט! ווי קומט איר אין פיש, פלייש, די גרעסטע הוצאה פון א אידישע שטוב.

אין ביים נעקסטען אדרעס איז שוין געווען אויסגעשטעלט די חוב פון פריער, ווי קען מען דאס אפילו משיג זיין.

א קלאפ אין טיר, צו עפענען צו א הערליכע אתרוג, לולב שוין איינגעבונדן! ווי נעמט זיך אזוי פיל געפיל צו איינעם וואס איז קיינמאל נישט געווען קיין אלמנה....

נאך פורים, מ'הייבט נאך נישט אן צו טראכטן פון פסח, עס איז שוין דא די צעטל צו באשטעלן מצות, פראדוקטן, פיש, פלייש, ווין גרייט דאס מיט א פרייליכקייט אין ווארימקייט נישט צום פארשטיין!

עפן איך דעם פאסטקאסטל א הערליכע מתנה אויף פסח. עס איז שוין כמעט א יאר אריבער אין איר זענט די ג-טליכע שליח וואס מאכט מיר פילן, ווי מיין הייליגער מאן זצ"ל ווינקט מיר פון אויבן, "איך האב נישט פארגעסן פון דיר"..... איך שתדל פאר דיר!

נאר איין איינציגער באשעפער קען פאר אזא ארגאניזאציע באצאלן איך קען נאר געבן פון טיפן הארצן א ווינטש פאר אייך אין אלע אייערע פאמיליע. בני, חיי, ומזוני רויחי. נחת, געזונט מיט כל טוב וטוב. אין מיר זאלן אלע זוכה זיין צו ווערן שם מן הצבחים ומן המספרים.

מ.ל. [redacted]

אלמנת ר׳ [redacted]

Y08.003

לכבוד הרב לופער שליט"א
איך וויל ווינטשן כ"ק מרן שליט"א
וכל בני ביתו א גוט געבענטשט
יאר מיט געזונט, נחת, שפע ברכה,
פרנסה בהרחבה, שמחות ובשורות
טובות וישועות
און די רבונו של עולם זאל געבן
ווייטער אויך די נ"ע יאר די יכולת
צו ממשיך זיין עבודת הקודש
בפרט צו העלפן אלמנות ויתומים ל"ע

די הילף מאכט א שמחה יתירה
אין שטוב אז מיר קען געבן
אונזערע קינדער ווען זיי קומען צו
אונז אויך שבת אדער יו"ט (טאקע
די קינדער וואס וואוינען נאך אין שטוב)
אין א בכבודיקער אופן על
הצד הטוב ביותר סעודות בהרחבת
הדעת וואס די מאמע האט
אליין געקאכט אין איהר אייגענע קיך

זיי דארף נישט גען עסן ביי א קרוב
אדער א שכן.
די קינדער פילן אז די גאנצע
שטוב שמעקט פון שבת קודש
די פיש און פלייש (עוף או בשר)
זענען פון די בעסטע - פרישע אלע
מאהל מיט א גוטער טעם.
דעם הייליגן באשעפער זאלט אי"ך
בענטשן מיט כל טוב און פיל נחת
ובפרט בביאת גואל צדק בב"א
מאחלת

Y08.004

בס"ד

לכבוד הר"ר ש. לויפער שליט"א ונ"ש

שלום, וברכה!

ווידעראמאל האט איר אונז געשטעלט אויף אן איבערראשנדע
אינטערעסאנטע שטאנד. נאכאמאל מיט אזא ברייטהארציגע איבערגעגעבנקייט!
מיר האבן נישט קיין ווערטער מונדליך אייך צו באדאנקען אין
שרייבן אייער טרייהייט.

מיט אזויפיל יגיעה, די היילגע "שמורה מצות" צו מאכן אזוי
הערליך גוט און צייטליך אנגעקומען לכבוד דעם היילגן יו"ט פסח.
אזוי פריש און געשמאק און אזוי בהרחבה'דיג מיט אן איבערפלוס
מיר מהנה צו זיין.

און נאכמער, - דער אינהאלטסרייכער סיפור'ל דער
"ברכה ושלום" וועלכע ענטהאלט אלעס וועלכע מען וויל
צו זאגן טעגליך מיט אזא קלארקייט און גרינגע אויסלייג
מיט די הערליכע בילדלאך פון די משפחה.

עס איז דא נאך און נאך צו מכיר טוב זיין צו אייך
אבער שרייבט מיט טינט אויף פאפיר איז צו ארעם
דאס אויסצודריקן, דערפאר ווילן מיר דאס איבערלאזן
אז דער רבש"ע - דער כל יכול - ער וועט אייך זיכער בענטשן
מיט אלעס גוטן, מיט געזונט, כח, מח, געלט און אלעס
וואס איר ברויכט; תורה וגדולה במקום אחד, מיט
ערליכע, הערליכע אידיש נחת, מיט סייעתא דשמיא מיט
אלעס וואס איר ווינטשט זיך אליין! - הצלחה אין
אלע אייערע אונטערנעמונגען!

ווי עס ווינטשט א/ געזונט צומער!

מרת [redacted] שלמנת ר' [redacted]

Y08.005

לכבוד כ"ק הרב לויפער שליט"א

אין נאמען פון מיין גאנצע משפחת
[redacted] וואס זענען געווען ב"ה מיר אין
שטוב אויף יום טוב סוכות מיר
ווילען דאנקען כ"ק פאר ד' גרויסע
הילף דורך ד' פיש, עופות, מנות
בשר אלעס פון ד' שענסטע אין ד' בעסטער
אין אזא בכבודיקע אויפן.
אויך האבען געפעלט אז ד' א סעודות
זענען געווען ממש GOURMET ווי מיר
זאגט. ברוך ד' זענען ז" אויך געווען
פול מיט דברי תורה און זמירות.
מיר האבען געהאט ברוך ד' א גרויסע
מנוחת הנפש.
איך וויל אויך דאנקען פאר ד' הערליכע
שיינע ארבעה מינים מיין איידעם וואס
האט געלערנט אין בריסק האט מיר געזאגט
אז ד' אתרוג לולב און הדסים זענען
אזוי שיין ניט סתם. ז" זענען אויך

Y08.006

געוויצען פריש א גאנדז יום טוב

די רבונו של עולם זאל בענטשען
כ״ק הרב שליט״א וכל בני ביתו מיט
בריאות, נחת, פרנסה וכל טוב מנוחת הנפש
והיכולת צו ממשיך זיין בעבודתו הקודש

דאז איז 25 יאהר געווסט

לזכר נשמת
בעלי׳ [redacted]
אבי׳ מר נד״ל
אמי׳ מו ע״ה
חמי׳
חמתי׳

בברכת כל טוב
[redacted]

בס"ד

יום שני לפ' אחרי מות קדושים תשפ"ג

לכבוד הרב לאניפער שליט"א
וכל העוסקים בקרן החשוב, שיחי'

יישר כחכם על כל פרט ופרט
שיגעתם לטובתנו. לפני פסח, וכל
השנה כולה. אתם עושים את הכל
בכבוד גדול ונעימות, וברצון, וברצינות.

ישלם ה' פעולתכם, ותתברכו. כולכם
בברכת חיים ארוכים. של שלום ובריאות,
עם כל אלו העוסקים עמכם, וכל
משפחותיכם.
ונזכה כולנו במהרה להגאולה שלמה
בביאת גואל צדק אמן.

משפחת [redacted]
[redacted]
Monsey, NY

בס״ד

ממחרת חג השבועות שנת תשע״ו לפ״ק

אמע״כ האי איש חיל ורב פעלים לתורה ולתעודה, אחד היה אברהם במדת חסדו וטובו תוכו רצוף אהבת ישראל, חסד״א הוא וחסד״א מילייהו, שמו הטוב הולך לפניו, טוב ומטיב ולא מחזיק טיבותא לנפשיה

ה״ה הרה״צ ר׳ אברהם לויפער שליט״א

ברא כרעא דאבוה האי צדיק האי עניו, שלוחא דקמאי, מפורסם בפעולותיו הכבירות חובקות זרועות תבל, ה״ה הרה״צ ר׳ שלו׳ זצ״ל

רב דק״ק דאראג שליט״א

אחרי דרך מבוא השלו׳;

באתי בשורות אלו (אבקש סלוח על אשר מחמת טרדות שונות כבר עברתי בבל תאחר בב׳ רגלים ולא הספקתי לכתוב עד הנה) להביע רב תודתי על כל הטובה אשר גמלתני ברוב חסדכם בטוב עין וטוב לב, ואמנם כי לא אוכל להביע כל רגשותיי ההומות עד היכן הדברים מגיעין, כי לפי שורת עיני כ״ת ה״ה כספר מוסר חי ללמוד וללמד מדת צדקה וחסד, אשר במקום גדולתכם וגודל פעולות הצדקה והחסד שם אנו מוצאים ענוותנותכם שהכל נעשה בהצנע ושקט בלי פרסום ופומבי כלל וכלל לכל דורש ומבקש מזרע ישראל כמדת הקודש המסורה לנו מרבותינו נ״ע, ולא ראיתי כהנה בדור הזה.

ולא אוכל להתאפק ולהכחיד את הומת רוחי הפורצת, אשריכם שזכיתם לכך, אשר כמעשה הצדיקים שאומרים מעט ועושים הרבה, כן לא תתייעפו ולא תתייגעו מלרוץ ולהתעסק בקדשים להוסיף להשפיע ברכה ושפע במדה גדושה בבתי ישראל בטוב עין ובספר פנים יפות, ולעולם אינכם שוקטים על השמרים לאמר הרף מלהוסיף ולהעלות בקודש, ונוסף למצרכים החיוניים הקבועים אשר מידכם נתנו מכבר רבות בשנים, אתם עומדים ומוסיפים כהנה וכהנה ביד רחבה, ולא שבע נפשכם ממתן החלוקה הגדולה שבלתי כח המשלח רבן של ישראל זי״ע הרי לפענ״ד בדרך הטבע לא היה יכולת להתכין ולקיים פעולה ענקית ואדירה כזאת באופן צנועה כאשר באמנה אתכם, עוד הוספתם עליו בנדבת לבכם הטוב משאת היין ובשר העוף, עד שהאחרון הכביד ההוספה המכבירה בטוב עינכם – הוא יבורך – לשמח את החג הפסח בבשר כמ״ש בשו״ע סי׳ תקכ״ט מג״א סק״ג וכ״ה בשועה״ר ס״ז שלשמחת יו״ט מצוה לאכול בשר. ובדרכי תשובה סי׳ פ״ט סקי״ט כתב ששמע מפ״ק של הרה״ק מצאנז זצ״ל שצריך לאכול ביום טוב בשר בהמה דוקא. ואומר, זהו שנאמר (ראה שו״ת נו״ב מהדו״ת יו״ד סי׳ קכ״ג) אוהב מצוות לא ישבע מצוות. ואמנם אין די מילין בפי לתאר את השמחת יום טוב שהבאתם לכל לתוך ביתי, וכל בני ביתי ענו ואמרו ברקאי, בהיות ליתן די איש איש לפי אכלו ברווח.

ונשתוממתי על המראה שאחרי כל זאת עדיין לא הובלה שפתותיכם מלומר די, ועוד הגדלתם חסדכם האחרון לגלגל זכות על ידי זכאי ה״ה חמותי הרבנית הצדקנית תליט״א להוסיף ולשמח את שולחני בכל שבתות השנה בידכם הרחבה והמליאה בבשר נוסף על הדגים, במה אכף ואקדם רב חסדך, ואומר יישר כוחכם וחילכם לאורייתא, תשואות חן לכם, אשריכם ואשרי יולדתיכם.

לא נצרכה אלא לברכה, יה״ר שתהא משכורתכם שלימה מה׳ אלקי ישראל, קרנכם תרום בכבוד ובכל אשר תפנו תשכילו ותצליחו, ותזכו להמשיך את פעולתיכם הקדושות מחיל אל חיל ביתר שאת בנקל בבריות גופא ונהורא מעליא כשאיפתכם וכאוות נפשכם הטהורה, ותזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ״ח לטובה ולברכה – לא ייבוש המעין ולא ייקוץ האילן, באושר ועושר באורך ימים ושנות חיים בשמחה וטוב לבב מרוב כל לנצח.

כנפש ידידכם הדוש״ת כערככם הרם

[redacted]

נ. ב. לאות הכרת הטוב אצרף בזה מה שמצאתי בין כתבי אאזמו״ר מתולדות אהרן זצ״ל בחליפות מכתבים שכתב לאחיו הצעיר כליל המעלות וברוך הכשרון דו״ז ר׳ חיים זצ״ל הי״ד (שאחרי מכן היה חתן הרה״צ ר׳ אלי׳ לייכטאג ז״ל דומ״ץ בעיר סאטמאר) בימי בחרותו, שהציע לו נכבדות ללמוד בצוותא בחברותא עם יבלחט״א חותנכם הרה״צ שליט״א, ונראה היטב שכבר בימים ההם החשיבו עד לאחת כערכו הרם. (ולאחרונה מצאתי שמכתב אחד כבר נדפס חלק ממנו בספר אספקלריה המאירה ח״א עמוד קס״א).

לכבוד כ"ק מרן הרב אברהם לויפער שליט"א

איך וויל דאנקען מעומק לבי כ"ק הרב
שליט"א וואס נעמט על שכמו לפרנס מאות
האלמנות ויתומים לע"ע. בפרט די שיינע
הילף אין א צאל בכבודיקע וועג יעדער
וואך מיט פיש אין עופות ובשר פון
די שענסטע אין די בעסטע לכבוד שבת קודש.
אין יעדעס בפרט לקראת חג הפסח
הבא עלינו לטובה - די פרוכט, ירקות,
אייער, וויין וכו'. אלעס פון די בעסטע
סארט וואס איז דא בא קומען.
אזוי ווען די קינדער קומען אין
שטוב צו פילען אזא הרחבת הדעת
ומנוחה - די שטוב איז פיל מיט
אלעס גיטע צאכען, דמאמא קטוכט
פאר צ" - די בית איז מלא שמחה
צ" שפירען אז מען קענען זיין וויטער
בחיים.

די רבונו של עולם צאל געבען
כוח אז כ"ק דער רב טוין ציין
גאנצער משפחה צאלן קענען ממשיך
ציין די עבודת הקודש אין האבען פיל
נחת ברכה אריכות ימים ושנים, געזונט
אין הרחבת הדעת

בברכת כל טוב
בברכת חג כשר ושמח

[redacted]
MONSEY NY 10952

P.S. א גרויסר דאנק פאר די
שיינע דברי חיזוק אין די בייכלע וועגן
די קרן

בס"ד

יום ו' ערב שבת קודש וערפיוט

לכבוד הרב לויפער שליט"א

איך האב נישט געניג קיין ווערטער וויאזוי
אייך צו באדאנקען פאר די אלע צורכי יו"ט
וואס איהר האט צוגעשטעלט. ב"ה איך האב ב"ה
מיר א גרינגער יום, וואס קומט אויף פסח
און איך קען זיך צושטעלן בל"נ מיט אלעמען רחמנא
לצלן אייך און אלע צוהעלפער דורך אייבערשטער העלפט
מיט אלעם אנדערע געבענטשן מיט לאנגע
געזונטע יאהרן מיט כל טוב נחת און טאקע
זוכה זיין נאך דעם יאהר אין ירושלים עיה"ק
ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אכי"ר

מרת [redacted] מאנסי

Y08.010

לכבוד כ"ק הרב לאופער שליט"א

איך האב נישט גענוג ווערטער צו לויבען
די יתברך און צו דאנקען דער חשובע כ"ק
הרב שליט"א וואס ארבעט אזוי שווער און איז אזוי
געטרייערט צו די אלמנות און יתומים.

די אלע מתנות לקראת החג, די ארבע מינים
ערב יו"ט ממש וואס חשובע די שלוחים האבען צי געבראנגט
אזוי פריש און שיין. א Derie לולב, הדסים
פון צפת, די אתרוג יאנווער אזוי ריין און שיין
די ערבות - אוודאי איז געבליבען פריש א
גאנצע יום טוב - די האשקע און די קשרים פון
Top quality די שיינסטער סארט - ממש נישט צו גלויבען

אויך די פיש עופות ובשר זענען געווען בשפע
רב מיט אזא גי'טן טעם און נייער פריש
אלע אין שטוב האבען געפילט אז די מאמעס
שטוב איז פול מיט שמחה און געשמאק.

בברכת כל טוב, ברכה, הצלחה, געזונט, שמחה
ונחת!,

[redacted]

[redacted]

Monsey NY 10952

איך שיק אייך $36
$18 כפרות געלט
$18 יזכור געלט לעילוי
נשמת אבי מורי
ואמי מורתי
בהו' זלמן
[redacted] ז"ל
ע"ה

לכבוד כ"ק הרב לויפער שליט"א

איך וויל דאנקען מאמאק די ליבאן
דער רב שליט"א וכל בני ביתו המתעסקים
יומם ולילה מיט די גרויסטע אהל פון
די הייליגע קרן החסד וואס אלמנות
ויתומים וכל בני הבית נהנים ממנו
ווען די קינדער קומען אריין
אין שטוב און זעען ביי די מאמע
שבת און יום טוב און די צאגען
א באל שפע רב ברוך די אופינטלאך
ביי די מאמע און די פילען אונז
גוט - ביז דא א ריח פון שבת
אין די גאנצע הויז.

דער רב שליט"א טראכט יעדער מאל
ווי די געסערן די קמ"ח, ירקות
וכל טוב אויף פסח, ארבע מינים
אויף סוכות וכו׳.

און דער זכות כ"ק הרב וכל
בני ביתו זאלט איר זוכה זיין צו
א יאר פון געזונט, נחת, פרנסה
ברוח און ברכה והצלחה בכל
הענינים און הקב"ה זאל שוין שיקען
משיח צדקנו שיבנה בית המקדש בקרוב

מאוחות [redacted] וכל המשפחה

בס"ד

אל כבוד הרב אברהם לוינער נ"י שליט"א.

„א-גוט געבענטש יאר"

איך ווינטש אייך פין מיינע טיפעניש פין האַרצן אז דער צדיק

זאל אייך ביי שטיין, מיט וואס איר זענט עוסק אין דעם מצווה

פין מחי' ציון לכבוד שבת ויום טוב, ה' יתברך זאל אייך

באצאלען „כפלי כפליים" אין דער זכות הצדיק זאל ווייטער

זוכה זיין מחה צו זיין די אלע נצרכים לכבוד שבת ויום טוב.

איך האב די אלע נעמען אין זינען געהאט ביי מיין תהילים

זאגן, לכבודם ייעדר נאמען באזינער

„ה' ימלאו את כל משאלות ליבנו לטובה"

מרת [redacted]

Y08.013

בס"ד

אפשר קורצע דאנק ווערטער...

איך בין א טאכטער פון די אלמנה וואס איר העלפט אזוי ברייט-הארציג אויס. איך געדענק נאך אפאר חדשים צוריק באלד נאך מיין טאטע'ס פטירה האט מיר מיין מאמע אנגערופן מיט א קול פון שמחה. זי ווייסט נישט ווער די מענטש איז אבער איינער איז איר גרייט צו העלפן מיט די הוצאות פון פלייש און פיש, עס האט אויסגעזען ממש נישט אמת'דיג-אזויפיל געלט א וואך איז איינער גרייט צו געבן פאר איר? סתם נאך אן אלמנה? (און אפילו אן קינדער אינדערהיים?) און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יא, עס איז דא גרויסע בעלי צדקה אין כלל ישראל וואס געבן זיך אוועק פאר דעם.
עס האט איר פארשאפט א גרויסע רואיגקייט נאכ'ן פאלן אויף איר פלוצלינג אזויפיל הוצאות - rent, עטץ....
היות איך בין די יונגסטע און צייער נאנט צו איר האט זי עס פארציילט נאר פאר מיר, די אנדערע 8 געשוויסטער האבן נישט קיין אנונג דערפון. עס איז איר אזא גוט געפיל אז זי מיינען ווייטער אז זי דארף נישט אנקומען צו אנדערע.

איך בין נישט קיין שרייבער דערפאר האף איך אז איר פארנעמט ארויס קלאר מיינע געפילן אבער אונזער הכרת הטוב צו אזא געוואלדיגע ארגאניזאציע איז אין לשער

די נתינה וואס מיר געבן איז לעת עתה וויפיל מיר קענען געבן אבער מיר האפן אי"ה אייך ווייטער צו קענען שטיצן! אייער זכות איז גאר גרויס

תזכו למצוות
אין אסאך הצלחה אויף ווייטער

משפחת [redacted]
מאנסי

Y08.014

לכבוד ר' אברהם לויפער נ"י

אזוי ווי מיר טוען יעצט אין א נייע יאר אריינגיין
ווילן מיר די זכותים פון די פארגאנגענע יאר זאלן מילץ יושר זיין
איז פאר אונז טאקע די פאסיגע געלעגנהייט
צו מכיר טוב זיין, אויסצודריקן אונזער דאנקבארקייט

מיר וויסן אז באצאלן פאר אייך איז נישט שייך בכלל
פאר אלעס וואס איר האט געטוהן פאר אונז, און וואס איר טוט פארן כלל
אויף וויפיל איר האט אונז פארגרינגערט אין די שווערע צייט
איבערצונעמען וואס נאר שייך זענט איר געוועהן גרייט
עס איז מי כעמך ישראל אויפן גרעסטע פארנעם
זאל השי"ת טאקע זעהן וואס כלל ישראל קען
און וויפיל עס מיינט פאר אונז, איז אודאי אסאך מער
א נחת רוח און א כבוד פארן גרויסע באשעפער

וועלן מיר טאקע יעצט ווען צום נייעם יאר טוען מיר צוטרעטן
א בקשה צו הקב"ה, א תפילה בעטן
עס זאל די אלע זכותים פאר אייך קומען און ביישטיין
א כתיבה וחתימה טובה זאל פאר אייך אנגעשריבן זיין
און איר זאלט קענען העלפן אנדערע ווען עס פעלט אויס
און מיט משיח צדקינו זאלן מיר שוין פון די שווערע גלות ארויס

וואונטשט משפ' [redacted]

Y08.015

לכבוד כ״ק אדמור מדאראג הרב לויפער שליט״א

ד׳ז נישט ד׳ מילים מיט וואס צו דאנקען

ד׳ רב שליט״א וכל בני ביתו פאר ד׳

גרויסע ברכה וואס א׳ז געווען אין שטוב

אויף א גאנצע יום טוב.

ד׳ קינדער זענען אר״ין געקומען אין
שטוב רה״, ערב יוכ״פ, און סוכות
און חול המועד. ז״ האבען געהאט א זא הנאה
ד׳ גאנצע שטוב האט געשמעקט פון יום
טב - ד׳ מאכל׳ם זענען באמת געווען
פון ד׳ שענסטע און ד׳ בעסטע.
ד׳ עופות און דגים און בשר פון 18
Choice
מין המבחר אלצ׳ פר׳ש און געשמאקט.
און מיט אזא שפע ברכה.

די ארבע מינים זענען געווען פון סוג א׳.
די אתרוג אזוי שיין און ר"ן - מ"ן
בריסקער עדים האט עס גענומען נ׳דין
אלס [illegible] מתנה על מנת להחזיר און אויך
די לולב - ער האט געזאגט אז עס איז שיינער
פון זיינע.

אלעס איז געטאהן מיט אזא איידלקייט
און ווארמקייט ביז ניפסט פטוט
דער כ"ק הרב וכל בני ביתו זאלן האבן
כח און געזונט צו ממשיך זיין אין
די הייליגע עבודת הקודש ~~[illegible]~~ וואס
איז ממש מרבה כבוד שמים און
און כ"ק הרב וכל בני ביתו שיחיו לאי"ט
זאלן זיין געבענטשט מיט אריכות ימים,
געזונט נחת שפע ברכה ברוחניות ובגשמיות
ושנזכה לביאת גואל צדק בקרוב בימינו
מאחות

[redacted]

די סב"א איז מאשר געזונט

Y08.016

בס״ד

לכבוד הרב טויפער נ״י

קיין מייסטער קען אפשאצן
קיין געלט קען באצאלן
קיין משל קען נישט זיין מסביר
קיין ווערטער קען באשרייבן
ווי איר טוט מיט אייער געדולדיגע מעשים טובים אומגיין
ווי איר טוט אונזער מצב אזוי טיף פארשטיין,

מיט אזויפיל חכמה
מיט אזויפיל געטרײשאפט
מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקייט
מיט אזוי פיל כח
מיט אזוי פיל פארשטאנד
מיט אזוי פיל הארציגקייט
מיט אזוי פיל געפיל
מיט אזוי פיל ראוגקייט
מיט אזוי פיל גיטסקייט
וויפיל איך וועל זאגן אין פראבירן צו דערציילן
וועלן מיר קיינמאל נישט קענען דאס ריכטיגע מיטטיילן
אבער הקב״ה ווייסט די סוד גענוי,
זאל טאקע די באשעפער אייך באצאלן מיט מידה כנגד מידה אזוי,
מיט פיל רחמים אין חסדים אייך שטענדיג באגליקן
אין פון אלע אלע אוצרות אייך שטענדיג שיקן!!

מיט פיל געפיל פון הכרת הטוב
א כשר'ן פריילעכן לעכטיגע פסח
מרס. [redacted]

Y08.017

בס״ד

לכבוד באבד״ק מנל קרן אלמנות ויתומים ומש״ו טוחי״ש
הרר״ אברהם בן הפיוו שליט״א

שלום וברכה!
אל געזונטן ווינטער אין א זיס
לעבעדיג געבענטשטע שמחה׳דיגע יאהר
מיט פרייליכע צייטן אנגעפילט מיט
פיל שמחות + פרייליכע, הערליכע
׳אידיש נחת״ מיט געזונט, מיט
כח, און גלק, און עושר, מיט
אלעס וואס איר וואונטשט זיך
אליין צולין אלעספי׳ נתקבל ווערן מן השמ׳
זיכער, זיכער, גע׳פועלט אלעס גוטס!
בזכות אייערע וואוילטעטיגע מצוה
צוליב שוין דער רבש״ע, דער כל יכול
שוין געבן דורות פאר אייערע חשובע
קינדער צבי הירש בן שרה וזוג׳
דבורה בת רחל לאה לבריאת נפש
והגוף ולהפקד בזרע של קיימא מיט
פיל סייעתא דשמיא, הצלחה וברכה עמו״ש.
א גרויסן יישר כחכם ותזכו למצוות פאר
די פיש + פליש + די ארעמע עניים
אפילו ביז אהער, אזוינע דארפן מיר שוין נישט
לעדן עתה [illegible] אויב ח״ו מיר וועלן דארפן, מיין
פיש + פליש
מיר זיך צו ווענדן צו אייער
חשובע, טייערע, קרן - דערווייל קען
מען ניצן פאר נאך אנדערע וועלכע
זאלן מיר אין געברויך ווי טעגל.
נאכאמאל יישר כחכם ותזכו למצוות
עס איז געווען באמת א גרויסע
שמחה יום טוב הייליגע און טייערע
ארבע מינים אין אויספאלגנדיג לויט
מסודר׳דיג אייערע אנווייזונגען.
נאכאמאל יישר כחכם ותזכו למצות!

שמחת תמיד ורוב הצלחה!!

וואונטשט:

בס"ד

לכבוד ר' אברהם לויפער עמו"ש

צו די נייע יאר פילן מיר א חוב. אויסצודריקן אונזער שעצונג און אנערקענונג צו אייער געטריישאפט און פונקטליכקייט, וואס טוט אונז באמת זיין א שטארקע הילף.

השי"ת זאל אייך באצאלן, ווי אויך די נצבנ׳ק פו א ליכטיג, פרייליך געבענטשטע יאר!

וואונטשט - משפ' [redacted]

ב״ה

לכבוד מר. לופער ומשפחתו

איך וויל אייך וואונטשן א גמר חתימה טובה,
און א גוט גיבענטשט יאהר, א גיזונט יאהר,
א פרייליך יאהר וכל טוב.
השי״ת זאל אייך באצאלן כפל כפלים,
מיטן ארויפנעמען פון אונז די דאזיגע הוצאות
פון שבת און יום טוב.

מיט פיל דאנק,
[redacted] מרס.
[redacted]

Y08.021

בס"ד

Date

לכבוד הרב אברהם לייפער נ"י
מתוך הערכה והכרת תודה,
אני מודה על כל העזרה שאתה
עושה עימדי ע"י שליחת דגים ובשר
ואני מתפללת לשלום. והצלחה בדרך
ובעבודה
יוסף אהוד בן שרה חי'
וזוג' בלומה בת מרים שתחי'
עליהם יחולו כל הברכות. שה' ימלאו
את רצון ליבם לטובה. ויזכו לעשות
עוד הרבה טוב...

מאת [redacted]



בס"ד

לכבוד הרב ליפער שליט"א

איך בין זייער שטארק דאנקבאר ★
פאר אייער אויסערגעווענטליכע הילף!!
דער באשעפער זאל אייך בענטשן עד בלי די,
מיט געזונט פרנסה און נחת, מתוך
הרחבת הדעת און ס"ד!!
א כשר'ן און פריי'ליכן פסח.

מרס. [redacted]

★ נאך דערצו אויף אזא סענסיטיווע אופן!

Y08.023

בסד

צו משפחת לופער,

איך וויל אייך פערזענליך באדאנקען
פאר אלעס וואס איר טוט פאר מיר
און מיין משפחה. א שיינעם דאנק
מיט וואס איר העלפט מיט
אנצוגרייטן לכבוד פסח און א
גאנץ יאר.

חג כסח ושמח

ומש. [redacted]

קס״ד

לכבוד די חשובע געטרייע אויסגעצייכנטע ״קרן״ וואס איהר טוהט
בלב ונפש פון אונזערע קינדער שליט״א דורך כבוד שליט״א!
נור השי״ת קען אייך צוריק באצאלן כפל. כפליים מיט ב טוב וטוב
מיט געזונט, און אריכות ימים ושנים טובים, און נחת דקדושה פון אלע
אייערע בני בית און איהר זאלט דערלעבן משיח׳ן בב״א.
אייער שפע איז אומגעהויער גרויס. אשריכם! מה טוב חלקכם!
אזוי ווי איך האב שוין באקומען אלעס פריהער מצות, ווייל איך
קענען אפבאצאלן די מצות די נאכס סינט וואס איך האב פארטיילט
קיי אייך.
יישר כחכם נאך אמאל וחג כשר ושמח!

[redacted] מאנסי

בס"ד

צו די חשובע ״קרן אלמנות״

נישט דא קיין ווערטער אייך צו באדאנקן אויף אייער גרויסע מצוה וואס איר טוט א גאנץ יאר...

נאר דער אייבערשטער קען עס באצאלן.

יעדע ערב שבת, ווען איך קאך פאר שבת, האָב איך אייך אין זין, און בכלל דאס איז א זאך וואס גייט מיט, א גאנצע וואך, לאורך כל הדרך.

הרב לויפער, אייער ארבעט איז אין לשעֶר, איר כאפט אסאך זכותים לפני יום הדין.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלסט האבן א געזונטער יאר מיט אסאך נחת, איר מיט די גאנצע משפחה, און קענען ווייטער מאכן א נחת רוח פארן באשעפער, מיט מצוות און מעשים טובים, און מיר זאלן אלע זוכה זיין לקבל פני משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

א כתיבה וחתימה טובה

מרת [redacted]

[redacted] Monsey NY 10952

יישר כח

בס״ד עש״ק פ׳ האזינו ערב סוכות תש״פ
לכבוד הרב לייפער ביתן, שליט״א

א גרויסע, גרויסע דאנק פאר אייער גוטע מחשבות ומעשים טובים וואס איר טוט פאר די אלמנות און זייער גאנצע משפחות. איך האב געהאט פיל מאל די בעסטע שבת און יו״ט עסן און אפילו א פרישע, פיינע לולב און אתרוג - ממש איך בין אזוי מתפעלת ווייל איר מאכט אלעס לפני משורת הדין.

הש׳ יתברך בענטשן פאר
איר און פאר איר משפחה,
